• פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG“

טשענסטאכאווער צ

[illegible]

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

פרייטאג פ׳ בהעלותך כ״ סיון תרצ״ה. | ליכט-צינדען 7.42 | Piątek 21 czerwca 1935

שרה באָרנשטיין
מנחם בעסערגליק

פערלאָבט

וויעלון, סיון תרצ״ה.

אונזערע פריינד חיים באָרנשטיין און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער שרה מיט ה׳ מנחם בעסערגליק ווינשען אַ הערצליכען מזל-טוב

חיים גוטמאַן ורעיתו, שמואל שאַיאַ ורעיתו,
גאָדל סענדראָוויטש ורעיתו.

דעם ה׳ חיים באָרנשטיין און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער שרה מיט ה׳ מנחם בעסערגליק ווינשען א הערצליכען מזל-טוב

לעזער בערקאָוויטש און פרוי.

אונזערע פריינד חיים באָרנשטיין און פרוי
צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער סאַלאַ מיט ה׳ מנחם בעסערגליק
ווינשען פיעל גליק

נחמן בערגער און פרוי.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. סאַראַ באָרנשטיין מיט ה׳ מנחם בעסערגליק
ווינשען מזל-טוב

לעאָן יאַקובאָוויטש און פרוי, משה יודקע-
וויטש און פרוי, יעקב ראָזענבלום און פרוי,

אונזער פריינד מנחם בעסערגליק צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. סאַלאַ באָרנשטיין
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.

חיים דאַווידאָוויטש, צבי שאַיאַ, יעקב קאַניארסקי,
מארעק בערקאָוויטש, יצחק בענדעט.

Naszemu koledze M. BESERGLIKOWI z okazji zaręczyn
z p. SARĄ BORNSZTAJNÓWNĄ życzą wiele szczęścia

Jadźka Rozenówna, Izrael Lewkowicz.

את שאר בשרי חיים ורבקה בורנשטיין מפאת ארושיה של בתם שרה עם מר מנחם בסרגליק הננו מברכים את הנארסים בעתיד מזהיר בארצנו ולהוריהם רוב נחת

שרגא והינדה סקזיניא.

גדא טבא לידידנו העסקן הציוני

מר חיים בורנשטיין ורעיתו לרגלי ארוסיה של בתם

שולחים יעקב וקיוולה שאַיצ.

את קרובינו חיים ורבקה בורנשטיין
לרגלי בואה בברית האירושין של בתם שרה עם בחירת לבבה מנחם בסרגליק
הננו מאחלים להם כל טוב.

יחיאל וגניה לאנדוי.

את העסקן הציוני מר חיים בורנשטיין ורעיתו לרגלי בואה בברית האירוסין של בתם
שרה עם בחירת לבה מנחם בסרגליק
הננו מאחלים להם בהתגשמות שאיפותיהם בארצנו הלאומית.

הסתדרות ציונים כלליים בפולניה סניף בוילון.

את סגן יושב-ראש של השלטון הבנק מר חיים בורנשטיין
לרגלי ארושיה של בתו
מברך בברכת מזל-טוב.

השלטון והמועצה של הבנק קרדיטובי בוילון.

לידידנו העסקן הציוני
מר חיים בורנשטיין ורעיתו
לרגלי ארושיה של בתם אחולים לבביים

שולחים יוסף שאיא ורעיתו.

Koleżance SARZE BORNSZTAJNÓWNIE z intencji zaręczyn
z p. M. BESERGLIKIEM życzą szczęścia i powodzenia

Genia Sendrowiczówna
Hanka Lewkowiczówna.

דער פערוו. מיטגלידערין פרוי רבקה באָרנשטיין און מאַן
צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער ווינשט מזל-טוב

דער פרויען-פעראיין „וויזאָ“ אין וויעלון.

את חברנו חיים ורבקה בורנשטיין לארושיה של בתם
שרה עם מר מנחם בסרגליק
הננו מברכים אותם בברכת מזל-טוב.

אשר ופרדל מנדלביץ.

ברכות מאליפות לחברנו חיים ורבקה בורנשטיין לארושיה של בתם
שרה עם מר מנחם בסרגליק
רוו מהם רוב נחת בארצנו.

יצחק ובילה הירשברג.

ברכות לבביות לחברנו וידידנו מר חיים בורנשטיין ורעיתו
לרגלי התארסות בתם שרה עם מר מנחם בסרגליק.

שלמה לאסמאן ורעיתו.

ברכה נלבבה לידידי חיים בורנשטיין ורעיתו
לבואה בברית האירושין של בתה שרה.

פנחס גרשונוביץ ורעיתו.

בעתיד מזהיר ובהתגשמות שאיפותיה בארצנו של הנארסים הילמה שרה ומר מנחם בסרגליק
הננו מברכים את הוריהם חיים בורנשטיין ורעיתו.

חיים דוב ניימן ורעיתו.

צו דער פערלאָבונג פון פרל. שרה באָרנשטיין מיט ה׳ מנחם בעסערגליק
ווינשען מיר אונזער חיים באָרנשטיין און פרוי פיעל נחת און פרייד.

משה קוניארסקי און פרוי, יחיאל מאיר יאַקובאָוויטש און פרוי.

ברכת מזל-טוב
לבבית לידידנו העסקן מר חיים בורנשטיין ורעיתו לרגלי ארוסה של בתם

צבי דוידוביץ, אהרן ליב אראנאוויטש ורעיתו,
שלמה לייזורוביץ ורעיתו.

ברכה נלבבה לידידנו מר חיים בורנשטיין
לרגלי ארוסיה של בתם שרה עם מר מנחם בסרגליק

משה פערעצאָוויטש ורעיתו.

למשפחת גרוסמן וילון להילדת בנם מזל טוב!

חנכוהו ברוח הלאומית!

אריה זלקוביץ, וילון—תל-אביב.

נ״ע חיה צערקע אייזנער

פון קלאָבוצק

איז נאך לאנגע און שווערע ליידען געשטאָרבען פרייטאג, דעם 1-טען טאג שבועות

די לויה איז פאָרגעקומען זונטאג, פ׳ נשא ה׳ סיון תרצ״ה, דעם 9-טען יוני 1935 י.

גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אַ דאַנק די אַלע, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערע מוטער, די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

טאָכטער, זוהן, איידעם, שניר, אייניקלעך און פאַמיליע

אין דער אָבוועזענהייט פון די זיהן:

ישראל אייזנער און לייב אייזנער אין פאַריז.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער לאַנגיעהריגען מיטגליד

ה׳ יהודה טשענסטאָכאָווסקי

צוליעב׳ן טויט פון זיין מוטער

נ״ע רייזל טשענסטאָכאָווסקא

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים, קאָמיטעט און מתפללים
פון שוהל „אהל יעקב“, אַלעע 4.

דער פרל. גוטשא באַמבאַוויטש צו איהר התונה מיט ה׳ אביגדור ביאַליק
ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט אין זייער נייעם לעבענס-וועג.

יוסף שאַיאַ און פרוי.

צו דער חתונה פון פרל. גוטשא באַמבאַוויטש מיט ה׳ אביגדור ביאַליק (זלאָטשעוו)
ווינשען פיעל גליק און עוויגעס צופרידענהייט.

גיטל און משה ראָזענזאַפט.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ל. טאָכטער און שוועסטער פרימעט כלאָפּאַק
מיט ה׳ אהרן פישער (קאַליש) ווינשען מיר פיעל גליק און גרויס צופרידענהייט.

עלטערן און געשוויסטער.

אונזערע פריינד אייזיק כלאָפּאַק און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער פרימעט מיט ה׳ אהרן פישער ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און פיעל נחת.

יצחק מאיר ערליך און פרוי, הערשל וואָל-
מאַן און פרוי, פייוויש סקרזיניא און פרוי.

מיר ווינשען אונזערע פריינד אייזיק כלאָפּאַק און פרוי צו דער פערלאָבונג פון זייער טאָכטער פרימעט פיעל נחת און פרייד.

דוד כלאָפּאַק און פרוי׳ גדליה יאַקובאָוויטש און פרוי.

אונזער שוועסטער, שוועגערין און ניכטע פרימעט כלאָפּאַק צו איהר פערלאָבונג מיט ה׳ אהרן פישער ווינשען מיר פיעל גליק און א הערליכע צוקונפט.

מרדכי כלאָפּאַק און פרוי, אברהם משה כלאָפּאַק
און פרוי, ראובן און יחיאל כלאָפּאַק (פאַרזימיער).

Szkoła Rzem. Przemysłowa dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska 8

podaje do wiadomości, że zapisy przyjmuje się od 15 czerwca do 20 lipca b. r.
Ilość miejsc ściśle ograniczona.
Kancelarja czynna codziennie od godz 9-ej do 13-ej

Pot pach i niemiłą
woń usuwa płyn —
„DELTA“
pot nóg usuwa proszek —
„DELTA„

לאָדראָווניעס (אייזקאָסטענס)
אויסגעצייכענטע מיט איזאָלאַציע פון קאָרקען-האָלץ ווי אויך
בוי-האָלץ, טישלער-האָלץ, געהיבלעט האָלץ
עמפפעהלט צו זעהר ביליגע פרייזען
פירמע **ברידער פאַקטאָר—„אָרבאָר“**
נארוטאָוויטשאַ 83. טעלעפאָן 24-14.
גינסטיגע בעדינגונגען.
אין טאָרטאַק ווערט מעכאַניש בעאַרבייט און אויסגעפּערטיגט אַלערארט האָלץ. גרויסער אויסוואהל פון דעמבאָווע ברעטער

Rozjaśnia i nadaje przepiękny
blond kolor włosom
ORION-ESSENCJA
Rumiankowa.

KAMIŃSK
PENSJONAT F. MRÓWKOWEJ
willa „Rozalja“
otwarty od dnia 1-go czerwca
Willa położona w lesie, ładne słoneczne pokoje. Kuchnia rytualna, wykwintna i obfita.
CENY PRZYSTĘPNE.

אויספאָדערונג!

דערמיט פאָדער איך אויף דעם לאָקאטאָר פון הויז אַלטער-מאַרק נר. 29—ה׳ ישראל פ—טש, דאס ער זאָל זיך ארויסציהען אין משך פון א וואָך צייט, שענקענדיג איהם פאַר 5 (פינף) יאהר דירה-געלד און פאַר וואסער, אין געגענפאַל וועל איך די עקסמיסירונג איבערגעבען דעם קאָמאָרניק.

ב. לעמעל.

Czysta cera bez plam i piegów to:
Krem
„ORLANDO“

דער פאמיליע ערליך צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער אָנקעל

יוסף נ״ע

דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

יצחק ערליך און פרוי,
חנוך ערליך און פרוי וויעלון.

PŁYN
„RADIOL“
radykalnie usuwa odciski, zgrubienia skóry.

FARBIARNIA, PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ“
ul. Berka Joselewicza 2.
מיר נעמען אָן צו וואַשען קראַגענס מיט לאַנג-דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ, אויך נעמען מיר אָן כעמיש צו ריינינגען און צו פאַרבען אַלערארט קליידונג.
ספעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן אָרט

Karaluchy, pluskwy
i inne robactwo tępi proszek
„MORANT“

[illegible] …אַן. […] …קאמי- […] …בען אונזער […] …יגער קאָמיטעט, […] …כען מען האט זיך לכתחילה […] …ט און יעדער האט געוואלט אויף […] …ם האבען אַ השפעה, איז געשטאַר-בען אָהן א ודוי, און דעריבער האבען מיר אויפגעפאָדערט די יודישע עפענט-ליכקייט צו בענייען די אַרבייט פון באָיקאָט געגען היטלער-דייטשלאַנד.

אויף אונזער ווענדונג האט זיך קיי-נער נישט אָבגערופען. אונזערע ווירט-שאַפטליכע אינסטיטוציעס האָבען וויכ-טיגערע זאַכען צו ערלעדיגען, ווי דאָרט עפּיס אַ קאַמף מיט היטלער'ן. די איינציגע, וועלכע האט יאָ גענומען אַ וואָרט איז געווען דער צענטראַלער קאָמיטעט פאַר דער אַנטי-היטלעריסטי-שער באָיקאָט-אַקציע אין ווארשא, וועל-כער האט זיך געוואַנדען צום ה' מאָו-ריצי נויפעלד צו בענייען די טעטיג-קייט פון היגען אַנטי-היטלעריסטישען קאָמיטעט.

גלייכצייטיג האט אויך אונזער רע-דאַקציע בעקומען אַ בריעף פון צענ-טראַלען קאָמיטעט, אין וועלכען מיר זענען בעאויפטראגט געווארען זיך צו ווענדען צום ה' נויפעלד וועגען דעמ-זעלבען ענין.

ס'פערשטעהט זיך, אַז מיר האָבען אונזער חוב דערפולט, נאר עס איז געווען אַ קול קורא במדבר. קיינער נישט, אפילו ה' נויפעלד, צו וועלכען די צענטראַלע האט זיך וועגען דעם ענין געוואַנדען, האט דאמאלס נישט רעאגירט דערויף.

פון יענער צייט איז אַוועק העכער 8 חדשים און מען האט וועגען דעם קיין איין וואָרט נישט דערמאנט. ענ-דליך האבען מיר זיך דאָך דערוואָרט.

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין, וועלכע איז פאַרגעקומען מיטוואָך דעם 12 ד. ח. איז ה' נויפעלד ארויס מיט א הייסע רעדע, וואו ער האט געטאָ-דעלט דאס, וואס אין אזא האנדעלס-שטאדט ווי טשענסטאכאוו עגזיסטירט נישט קיין אַנטי-היטלער קאָמיטעט און וואס א גאנצע רייהע יודישע סוחרים האַנדלען אָפען מיט דייטשע סחורות.

מיר האבען אויסגעהערט די דאָזיגע רעדע און זיך געוואונדערט. עס האט זיך געוואָלט פרעגען דעם ה' נויפעלד, פארוואס ער האט די גאַנצע צייט גע-שוויגען, פארוואס ער האט צוגעזעהען, ווי אזוי א רייהע יודישע פירמעס האַנ-דלען אָפען מיט היטלער-דייטשלאַנד און אפילו נישט רעאגירט. וואו איז געווען [illegible] נויפעלד, ווען דער צענטראַל-[…]מיטעט האט זיך צו איהם געוואָנדען מיט העכער אַכט חדשים צוריק? פאַרוואס האט ה' נויפעלד נישט גע-גענטפערט אויף אונזער עפענטליכע ווענדונג, פארוואס האט ה' נויפעלד אזוי לאַנג געשוויגען? נאָר, ווי גע-זאגט, איז גלייכער שפעטער, ווי קיינ-מאל נישט.

בעת מיר שרייבען די דאָזיגע שורות ווייסען מיר נאָך נישט וואס עס איז געוואָרען מיט'ן פאָרשלאָג וועגען שאַ-פען דעם אַנטי-היטלער-קאָמיטעט, וועל-כער איז געשטעלט געוואָרען אויפ'ן טאג-אָרדנונג פון דער פערזאַמלונג פון סוחרים-פעראיין. פאַר אונז געניגט אָבער דער פאַקט, אַז די דאָזיגע פראַגע איז געקומען אויפ'ן טאג-אָרדנונג, אַז דאס, וואס מיר האָבען אַזאַ לאַנגע צייט גע-וועקט, גערופען און אויפגעפאָדערט, האט דאָך געהאַט אַ ווירקונג. אמת, אַז דער אַנטי-היטלער קאָמיטעט איז אַוועקגעקומען און קיינער ווייסט נישט וואו, אַז די יודישע סוחרים און אַ סך וועלכע שטעהען אין דער שפּיץ פון דער פערוואַלטונג פון סוחרים-פעראיין האַלטען ווייטער אונטער די בעציהונגען מיט'ן היטלער-דייטשלאַנד, אָבער דאָך געהט מען וועגען דעם עפּעס טהון.

זאָל מען כאָטש זיין צופרידען דער-פון, וואס מען האט זיך דאָך ענדליך דערין דערמאָנט.

ש.

יודען אין וויען

פון ז. האָבער, וויען.

אונזער וויענער קאָרעספּאָנדענט האט געהאַט א שמועס מיט'ן לייטער פון וויענער מעטריקאַל-אַמט ה' ראָזענפעלד, וועלכער האט איהם איבערגעגעבען גאַנץ אינטערעסאַנטע ידיעות איבער די יודען אין וויען, אין שייכות מיט דער לעצטער פאָלקס-צעהלונג, וואס איז נאָר וואס פאָרגעקומען אין עסטרייך.

אָנהויב 1923 זענען, לויט דער דא-מאָלסדיגער פאָלקס-צעהלונג, אין גאַנץ עסטרייך געווען 220.208 יודען, דערפון 201.513 בלויז אין וויען 18.695 יודען האבען געוואוינט אין גאנצען איבערי-גען עסטרייך.

סוף 1934 זענען שוין אין עסטרייך געווען בלויז 191.408 יודען דאס הייסט 28.727 אָדער 13.6 פראָצענט וועניגער, ווי אין יאהר 1923. אין וויען גופא זענען בלויז 176.034 יודען, דאס הייסט 25479 נפשות אָדער 12.6 פּראָצענט ווייניגער ווי ביי דער לעצטער פאָלקס-צעהלונג. אין דער עסטרייכישער פּראָ-ווינץ וואוינען איצט בלויז 15.447 יודען, דאס איז מיט 3248 אָדער 17.3 פּראָ-צענט ווייניגער ווי אין יאהר 1923.

אינטערעסאַנט איז, אז אין משך פון די לעצטע 12 יאהר וואס ס'נעמט אַרום די פאָלקס-צעהלונג, דאָס הייסט פון אָנהויב 1923 ביז סוף 1934, זענען בלויז אין יאהר 1923 אין וויען געבוי-רען געוואָרען 192 יודען מעהר ווי געשטאָרבען, אין די אַלע שפּעטערע יאהרען זענען אין וויען מעהר יודען געשטאָרבען ווי געבוירען געוואָרען. אין די לעצטע צוויי יאהר למשל זע-נען שוין צו 1780 יודישע נפשות ווע-ניגער געבוירען געווארען ווי געשטאָר-בען. אין די לעצטע צוועלף יאהר זע-נען אין וויען געבוירען געוואָרען 18.060 יודען, בשעת 31725 זענען אין דער זעלבער צייט אַוועקגעפאָרען. דאס הייסט ס'איז אין וויען ווייניגער געוואָרען מיט 13.365 יודען.

חוץ לזה זענען אין וויען ארויסגע-טרעטען פונ'ם יודענטום אין דער זעל-בער צייט נישט ווייניגער ווי 10551 מענשען. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געוואָרען „קאָנפעסיאָנסלאָז". —צוליב פערשידענע טעמים זענען אין דער זעלבער צייט צוריקגעקומען קאָנפע-סיאָנסלאָזע אָדער פון אנדערע רעלי-גיעס 4040 מענשען, וואס זענען אריינ-געטרעטען אין דער יודישער קהלה. עס זענען בכן אָבגעפאַלען פונ'ם יודענ-טום מעהר 6511 נפשות. רעכענט מען דערצו די טויטע, זענען בסך הכל אַוועקגעפאַלען פון דער ווינער קהלה 19.876 נפשות.

אזוי ווי אָבער די פאָלקס-צעהלונג האט ארויסגעבראַכט, אַז איצט פעהלען אין וויען 25.479 יודען, רעכענט מען דערמיט, אַז 6603 יודען זענען אבגע-וואַנדערט פון וויען, טייל ווידער אין די לענדער פון וועלכע זיי זענען גע-קומען, ווי: טשעכיען, פוילען, אונגאַרן, רומעניען וכדומה, טייל האבען אויס-געוואַנדערט קיין אַמעריקא און אַנדערע עמיגראַציע-לענדער. דער גרעסטער טייל אָבער איז אויסגעוואַנדערט קיין ארץ-ישראל.

שימעל פערניכטעט קאָנסערווען און דערפאַר דאַרף מען צו קאָנסערווירען אויבסען, מאַרמעלאַדען, גאַלאַרעטען, אויבסט זאַפטען, אוגערקעס א. ד. גל. דאַרף מען בענוצען דעם קאָנסערווי-רונגס-מיטעל פון דר. עטקער. די פּאָ-פולערע פאָרשריפטען צו קאָנסערווירען קען מען בעקומען בחנם אין יעדען לאַגער, וואו מען בעקומט דר. עט-קער'ס אויסאַרבייטונגען, אָדער דירעקט פון דער פירמע דר. א. עטקער אין ווארשא, ראַקאָוויצקא 23.

צו דער יודישער בעפעלקערונג!

אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון צענטראַל-קאָמיטעט צו בעעהרען דעם אנדענקען פון מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי דורך פלאַנצען א וואַלד אויפ'ן נא-מען פונ'ם פערשטאָרבענעם אין א"י, איז אויך ביי אונז אין טשענסטאכאוו געגרינדעט געוואָרען א קאָמיטעט, אין וועלכען עס זענען רעפּרעזענטירט אַלע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, דאמיט בייהילפיג צו זיין דער אויבענדערמאנטער אקציע דורך שאַפען א טשענסטאכאווער אַלעע אינ'ם וואַלד אויפ'ן נאָמען פון פילסודסקי אין א"י. די אַלעע וועט זיין דער רוהם פון טשענסטאכאווער יו-דענטום און גלייכצייטיג דער בעסטער סימן פון דער צוגעבינדענקייט צום גרויסען קעמפער פאַר א פריי און א אונאבהענגיג פוילען.

אַלס בירגער נעמען מיר אנטייל אין דער אלגעמיין-מלוכה'שער אַקציע אונטער'ן פאַרזיץ פון פרעזידענט מאַשטשיצקי. אַלס יודען אָבער, שטעלען מיר אַנ'אייביגען דענקמאַל דעם בויער און גרויסען קעמפער פאַר פרייהייט דורך פלאַנצען א וואַלד אויפ'ן נאמען פון מאַרשאַל פילסודסקי אין א"י, וועל-כער וועט ענטשטעהען אויפ'ן באָדען פון יודישען נאַציאָנאַלען פאָנד, ביי ווילדער, וועלכע זענען אויך ענטשטאַנען צו בעעהרען דעם אנדענקען פון גרויסע מענער אלס אויסדרוק פון עהרע פון יודישען פאָלק.

די טשענסטאכאווער אַלעע וועט ענטשטעהען פון שפענדונגען אויף בוימער (מינימום 10 זל.) און די נעמען פון די שפענדער וועלען איינגעשרי-בען ווערען אין א בוך, פון וועלכען א קאָפּיע וועט פייערליך איבערגעגעבען ווערען דעם פרעזידענט מאַשטשיצקי, אלס פאָרזיצענדען פון צענטראַל-קאָמי-טעט צו בעעהרען דעם אנדענקען פון מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי, און דאס צווייטע—וועט זיך געפינען אין נאַציאָנאַלען מוזעאום אין ירושלים. די שפענ-דער וועלען בעקומען שעהן אייסגעפערטיגטע דיפּלאָמען פון דער צענטראַלע פון קק"ל.

די יודישע בעפעלקערונג דאַרף מיט דעם געהעריגען אינטערעס אויפ-נעמען די איניציאַטיווע פון קק"ל און מיט זייערע שפענדונגען בייהילפיג זיין אין דער הייליגער ארבייט.

קרן קימת לישראל אין טשענסטאכאוו.

שווערליכער פאַר-פאַל אין דער פאַבריק „וואַרטאַ".

עהערנעכטען האט אין דער פאַבריק „וואַרטאַ" פּאַסירט א טראַגישער פאַר-פאַל, וועלכער האט אויף אַלע אַנוועזענדע געמאַכט אַנ'ערשיטערענדען איינ-דרוק.

אין א געוויסען מאמענט איז פון אַנ'אונבעוואוסטער סיבה ענטשטאַנען א מורא'דיגער הילכיגער אויפרייס פון א קעסיל, אין וועלכען עס האט זיך גע-קאָכט אַספאַלט צו אונטערקלעבען אונ-טער יוטע-זעק. אין דער זעלבער צייט האבען זיך דערהערט שרעקליכע קרעכ-צען פון צוויי אַרבייטער, וועלכע זענען געווען בעשעפטיגט ביים דאָזיגען קעסיל און וועלכע זענען אָבגעבריהט געווארען דורך דער זעהר הייסער מאַסע.

איינער פון זיי, דער 27-יעהריגער יאַן דאַמבראַווסקי, נישט קענענדיג אַרי-בערטראָגען די אונגעוועהנליכע שמער-צען, איז אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער, זוכענדיג דאָרט צו געפונען רעטונג, אָבער דער רעזולטאט דערפון איז גע-ווען א פערקעהרטער — זיין געזונד-צושטאַנד האט זיך דערמיט פיעל פער-ערגערט.

דאמבראַווסקי, ווי אויך זיין חבר, דער 35-יעהריגער יאַן לובאַנסקי, וועל-כער איז לייכטער אָבגעבריהט געווארען, זענען איבערגעפיהרט געווארען אין שטאַדטישען שפּיטאַל.

עס איז שווער צו שילדערן דאס אויסזעהן פון די קרבנות פון דעם טרוי-ריגען פאַרפאַל, ווען מען האט זיי אַראָבגעבראַכט אין שפּיטאַל. ביידע אומגליקליכע זענען געווען איינגעשמירט מיט א שוואַרצער פליסיגקייט און זיך געקאָרטשעט אין שרעקליכע יסורים.

לובאַנסקי'ס לעבען דראָהט נישט קיין געפאַהר און דאמבראַווסקי וועט אויך דערהאַלטען ווערען ביים לעבען, אויב עס וועלען נישט פאָרקומען קיין נישט-פאָראויסגעזעהענע קאָמפּליקאַציעס.

טראַגישער טויט פון א היגען בן-עיר אין ווארשא.

פערגאַנגענעם פרייטאג איז אין יודי-שען שפּיטאַל אויף טשיסטע אין ווארשא געשטאָרבען דער היגער בן-עיר איזידאָר הערשליקאָוויטש, וועלכער איז פוריגע וואָך מאָנטאג פערוואונדעט געווארען דורך אונבעקאַנטע פערזאָנען אין טויער פון הויז זאַמענהאָף גאַס נר. 44 אין ווארשא.

ווי די אויספאַרשונג האט פעסטגע-שטעלט איז דער אָנפאַל אויסגעפיהרט געווארען אויפ'ן פּאָליטישען באָדען.

דער טראַגיש-אומגעקומענער הערשלי-קאָוויטש איז א לענגערע צייט געווען אַנ'אָנגעשטעלטער אין דער היגער פאַ-בריק „וואַרטאַ" און סעקרעטאַר פון היגען האַנדעלס אָנגעשטעלטען-פעראיין. זיינער צייט האט ער אויך געהאַט אויף זיך א פּראָצעס פאַר אָנגעהערען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער דאס קרייז-געריכט האט איהם בעפרייט.

„לונאַ-פּאַרק".

קליינער פעליעטאָן.

קיין טשענסטאָכאָוו איז געקומען אַ „לונאַ-פּאַרק", וועלכער שטעהט איין אויף קילינסקי גאַס. בין איך געווען נייגעריג צו זעהן, וואס דאס איז אַזוינס פאַר א שפּיעל, האָב איך זיך מטריח געווען און אט וואס איך האָב געזעהן: עס דרעהען זיך קאַרוזעלעס, וועלכע זענען איינגעאָרדענט לויט פערשידענע מאָדעלען — אַ קאַרוסעלע, וואו מען קאַן זיך דרעהען אויף פערד, אויטאָ-מאָבילען און אנדערע שמאַכטעס, און אַ קאַרוסעלע, וואס איז איינגעאָרדענט אַ ביסעל פיינער, מיט אויסגעבעטע שטוהלען און אויך אַ קאַרוסעלע פאַר דעם פּראָסטען עולם. אַלע אָבער האָ-בען די זעלבע אויפגאָבען. מען דרעהט זיך, מען הוידעט זיך, איינער א בי-סעל פּראָסטער, דער אנדערער א ביסעל פיינער, נאר דער כאַראַקטער איז דער זעלבער — מען דרעהט זיך און מען דרעהט זיך און מען קומט צוריק אויפ'ן זעלבען פּלאַץ.

אויך די הושטאָווקעס, אויף וועלכע מענשען הוידען זיך, אויפהויבענדיג זיך אויף אַ קאָפּשווינדלערישער הויכקייט, קומען צורוק אראָב און בלייבען ווייטער אויפ'ן זעלבען אָרט.

זאָגאַר דאס לאַך-פעסעל ביים „לו-נאַ-פּאַרק" טהוט נישט אויף קיין נייעס. מען געהט, מען פאַלט, מען הויבט זיך צוריק אויף און מען בלייבט ווייטער אויפ'ן זעלבען פּלאַץ.

אין פוילישען טעאַטער שפּיעלט מען אַ קאָמעדיע א. נ. „איינשטיינס טעאָריע", וואו מען האַלט אין איין פי-לאָזאָפירען וועגען צייט און רוים, וועגען וועלט און אונשטערבליכקייט. אַלס ביישפּיעל נעמט דער פּראָפעסאָר אַ פּילקע און ווייזט, אַז וואו דו זאלסט גישט וועלען געהן, צו-וואס דו זאַלסט אַלץ נישט שטרעבען, קומסטו צוריק אויף דעמזעלבען אָרט; אז או-מעטום איז עק וועלט און טאקע ביים עק הויבט זיך ערשט אן די וועלט.

איך האָב בעטראַכט אַזוי דעם „לו-נא פּאַרק", ווי אויך דאס שטיק אין טעאַטער און זיך געטראַכט: אָט אין דעם לונאַ-פּאַרק", ווי אויך אין דעם טעאַטער-שטיק שפּיגעלט זיך אָב דאס גאַנצע לעבען. די גאַנצע וועלט איז דאָך נישט מעהר, ווי אַ „לונאַ-פּאַרק", אָט דרעהט מען אַ קאָרבע און מען בלייבט אַלץ שטעהן אויפ'ן זעלבען אָרט. אַזוי איז אין דער פּאָליטיק, אין דער דיפּלאָמאַטיע, אין געזעלשאַפטלי-כע, פּאָליטישע און קולטורעלע צווייגען, מיט איין וואָרט — אין אַלע הינזיכטען און אויף אַלע געביעטען דרעהט מען און מען דרעהט און מען קומט אַלץ אויף דעמזעלבען אָרט, וואו מען האט אָנגעהויבען.

באַלד נאָך דער גרויסער וועלט-מלחמה האט מען אָנגעהויבען צו רע-דען וועגען ענטוואָפנונג, אייניזעהענ-דיג, אז די מלחמה איז אַנ'אומגליק פאַר דער מענשהייט. דרעהט מען קאָנ-פערענצען, דרעהט מען מיט דער ציינג און דער סוף איז, אז מען שטעהט ווייטער ביים אַלטען. אַלע בעוואָפענען זיך מיט דעם אַלטען מאָטיוו, אז כדי צו האבען שלום, מוז מען זיך בעוואָ-פענען, און ווייטער וועט מען זיך קוילענען ווי די שעפּסען. הכלל, מען דרעהט פלומרשט א קאַרוזעלע און מען בלייבט אַלץ אויף דעמזעלבען אָרט.

היטלער דרעהט דאס די אמת'ע קאַ-רוזעלע, ער איז גאָר דער רודף שלום, ער געהט בעפרייען די פעלקער, ער לעכצט נאָך פרידען, און אַלע מלוכות, וועלכע זעהן בעשיינפּערליך זיינע אמת'ע כונות, מאַכען זיך נישט וויסען און לאָזען זיך מיטדרעהען אויף דער דאָזיגער קאַרוזעלע. און היטלער, דער אמת'ער קאַרוזעלע-דרעהער, ער דרעהט, אז דער קאָפּ הויבט אָזש אָן שווינדלען און דער סוף איז, אַז ער שטעהט אויף דעמזעלבען אָרט פון זיין נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער פּאָליטיק, וואס איז אַנ'אומגליק פאַר דער גאַנצער וועלט.

איטאַליען, וועלכע איז א מיטגליד אין פעלקער-בונד און האט פייערליך אונטערגעשריבען אַלע אָבמאַכען, דרעהט א קאַרוזעלע מיט אביסיניען און וויל זיי אַריינדרעהען אין א מלחמה. גלייכצייטיג וויל זיך איטאַליען אונטער אַ תירוץ ארויסדרעהען פון דער פעלקער-ליגע.

יאַפּאַן האט אָנגעדרעהט א קאַרוזע-לע אויפ'ן ווייטען מזרח און וויל אַריינ-שלעפּען די כינעזער ביי די צעפּ אין דער מלחמה-קאַרוזעלע. פרעגט מען דאָך די יאַפּאַנער, היתכן? דרעהען זיי מיט דער ציינג, דרעהען א קאָרבע און קאָנען נאָך מיט זייער חוצפה צו-דרעהען די וועלט.

די ענגלישע יודען דרעהען אויך אַ קאַרוזעלע. דער „קרן-קימת" אין ענ-גלאַנד קומט צו געהן און דרעהט די קאַרוזעלע צוליב דעם יובל פון ענ-גלישען קעניג, לכבוד וועלכען זי וויל מאַכען א ענגלישען „יער-היובל"; דרעהט ווידער די „אגודה" די קאַרוזעלע ווע-גען א „כפר היובל". אַזאַ ענליכע גע-שיכטע איז ביי אונז אין פוילען, וואו דער „קרן-קימת" פון איין זייט און די אנדערע יודען מיט א טייל ציוניסטען דרעהען צוריק די קאַרוזעלע...

אויך וועגען דער וואַהל-אָרדינאַציע צום נייעם סיים ווערט געדרעהט א קאַרוזעלע. יעדע פון די סיים פראַק-ציעס דרעהט אריין נייע פּראָיעקטען און וויל אַלץ, אַז די קאַרוזעלע זאָל זיך דרעהען אין זיין זייט.

די פּוילישע ענדעקעס זענען די אמת'ע קאַרוזעלע-דרעהער. זיי זענען בעלנים די מענשען צו פערדרעהען דעם קאָפּ און ליידער הויבען מיר פיהלען א שווינדעל אין מח פון זייער דרעהע-ניש.

אויך אין די יודישע קהלות ווערט געדרעהט א קאַרוזעלע, און וואס אמאל ווערט מען אַלץ מעהר פערדרעהט.

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז דאָך די אמת'ע קאַרוזעלע. עס איז א דרעהעניש פון אַלע זייטען. יעדער וויל אַלץ דרעהען די קאַרוזעלע אויף זיין זייט און צום סוף בלייבט יעדער אויף זיין אָרט און ווייסט נישט, וואס ס'טהוט זיך מיט איהם. אין אַלע גע-זעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס האַלט מען אין איין דרעהען און דרעהען די גרוי-סע קאַרוזעלע.

מיט איין וואָרט די גאַנצע וועלט איז נישט מעהר, ווי איין גרויסע קאַ-רוזעלע, נאָר איינער זיצט אויף א גע-בעטען שטוהל, איינער רייט אויף א פערד און דער אַנדעהער אויף א פּראָ-סטע באַנק.

אַלעס און אַלץ אָבער דרעהט זיך און דרעהט זיך און קומט צוריק צום זעלבען פּלאַץ.

יאָ, אזוי איז עס, אונזער גאַנץ לע-בען, אונזער גאַנצע טעטיגקייט און מעשים איז נישט מעהר ווי א „לונאַ-פּאַרק"...

סמאָל.

דער שווערער קאמף צו פעריודישען חיפה.

דאס פאהרען קיין ארץ-ישראל איז איצט געווארען א וואכעדיגער פראזאאישער ענין. אוועק די אמאליגע הייסע רעליגיעז-פאטריאטישע געפיהלען, ווען יודען האבען זיך אנידערגעווארפען אויף דער פריש בעטראטענער ארץ-ישראל ערד, געקושט דעם שטויב און בענעצט איהם מיט גליהענדע טרעהרען. דער מאדערנער, הגם זעהר, קליינער פארט פון חיפה, בעקוקט זיך ווי א פארט פון עפעס א אנדער לאנד אין אריענט. די אראבישע פאהרעריי אויף די שיפלעך אין פארט, די גאנצע כמעט 98 פראצענט אראבישע ארבייט אומעטום רויבט תיכף אוועק די קדושה. מען פערגעסט, אז אייגענטליך איז מען דא אין דער ערשטער גרויסער, רייכער שטאדט פון דעם נייעם א"י. דער שפראכליכער מאסשטאב טהוט דאס איבעריגע: מען הערט בכלל רעדען מייסטענס ענגליש, דייטש און יודיש.

ארום דער פעריודישונג פון חיפה וועט דאס יודישע פאלק האבען אפשר דעם שווערסטען קאמף אין ארץ-ישראל. עס וואקסט זיך פונאנדער א גרויסע, פיעלשפראכיגע אינטערנאציאנאלע האנדעלס-שטאדט. די שטאדט וואקסט ווי אויף הייוועז. יעדע שיף שפייט אויס עטליכע מאל א וואך הונדערטער יודען, וואס בעזעצען זיך אין חיפה. אויך נישט-יודען קומען טויזענטווייז פון דער גארער וועלט. דאס איבעריגע טהוט דער אראבישער צושטראם פון גאנץ א"י און פון די ארומיגע אראבישע לענדער.

דערין העלפט נישט קיין אויסגלייך דורך יודישער איינוואנדערונג. יודען האבען שוין דא געהאלטען ביי דער העלפט פון דער כלל-בעפעלקערונג, אבער עס איז שווער צו האלטען די וואג אקעגען דער אראבישער, ענגלישער און אינטערנאציאנאלער קאנקורענץ. דער שטח פון חיפה איז א געוואלדיג גרויסער: די אלטע שטאדט, דער גרויסער קישון-געביעט, וואס ציהט זיך ביז עכו. דער הדר הכרמל, דער געוואלדיגער כרמל אליין און אנדערע היבשע שטחים ביי די ברעגעס פון ים אין ביים פוס פון כרמל.

דער איינציגער יודישער מזל איז דערביי, וואס א ערך הונדערט טויזענד דונאם ערד אונטען און אויבען זענען איין פעסט אין יודישע הענד. דער גורל פון תל-אביב, וועלכע מוז אלעמאל צוקויפען ביי די אראבער פרישע עטליכע צעהנדליג דונאם ערד פאר דער שטאדט-פערגרעסערונג — אט פון דעם גורל וועט חיפה בלייבען א פאר יאהר פערזיכערט. נישט אויפ'ן כרמל און נישט אין קישון-טאל איז פערהאן א סכנה אין אזעלכע ווילדע ערד-פרייזען, ווי אין די זוימען פון תל-אביב.

חיפה וואקסט און יודען בויען הייזער, פאבריקען, געשעפטען און מאגאזינען, ווי אין א ברויזענדיגען אינטערנאציאנאלען קאנקורס. א ים יודיש געלד ווערט טעגליך אריינגעלייגט אין נייע שאפונגען אין חיפה, א סך מעהר ווי אין וועלכען עס איז אנדער ישוב פון א"י. סיי מיט'ן פערשטאנד, סיי מיט'ן גוטען יודישען האנדעל-אינסטינקט פיהלט יעדער יוד, אז אט דא קאנצענטרירט זיך דער משא-ומתן פון א"י מיט דער גאנצער וועלט. ווער עס פערכאפט דא בעצייטענס דעם ריכטיגען פלאץ דער איז דער בר-מזל פון מארגען.

אינטערעסאנט, וואס אמעריקאנער יודען געהן מעהר קיין חיפה, אויך דייטשע יודען בייסען זיך דארט איין מיט די ציינער — ביידע האבען א פראקטישען חוש פאר'ן גרויסען עתיד פון ערשטען ארץ-ישראל'דיגען האנדעלס-פארט און זיי לייגען אריין דארט געלד מיט'ן מוח צוזאמען.

פאר'ן מיטעלשטאנד אהן געלד-מיטלען איז שווער צו בעפעסטיגען זיך אין חיפה, וואו דאס לעבען איז טייערער, ווי אין גאנץ ארץ-ישראל. אבער ארבייט בעקומט מען היינט, וויפיעל מען וויל.

עס איז זעהר טיעף בעדויערענדיג, וואס די נאציאנאלע רעגולאציע האט נישט קיין שום שליטה אויף די פערטיילונג און קאנטראל פון יודישע ארבייטס-הענד, אויך אין חיפה, אדער דא נאכמעהר ווי אומעטום, לויפען אלע צום בוי מארק, וואו מען בעקומט היבשע שכירות, דערפון ליידט קאלאסאל די יונגע יודישע אינדוסטריע, וועלכע קען אויף קיין פאל נישט נישט קאנקורירען אין ארבייטס-לויהן מיט דער בוי-טעטיגקייט.

דערפון ליידען שרעקליך אלע ארבייטס-געביטען אין דער פארט שטאדט, וואו אלע ארבייטען ווערען א מאנאפאל פון אראבישען ארבייטער, צוציהענדיג מאסען אראבער פון די ארומיגע לענדער, וויכטיגע, געוואלדיג וויכטיגע ארבייטס-פאזיציעס געהן היינט פערלוירען פאר'ן יודען און ווער ווייסט, צי מען וועט זיי אמאל קענען צוריק בעזעצען מיט יודישע ארבייטס-הענד.

געוויס ליגט אויך דאס אין פראצעס פון שטורעמדיגען, אומקאנטראלירבארען אויפבוי-טעמפ, אבער אזוי ווייט האט קיינער נישט געקענט פארשטעלען זיך די צרה, אז דער אויפבוי פון ארץ-ישראל וועט פולשטענדיג (אדער כמעט פולשטענדיג) ארויס פון רשות פון נאציאנאלען קאנטראל. עס קען ארויסוואקסען דערפון א נאציאנאלע קאטאסטראפע, געוויס איז פריוואט איניציאטיוו געזונד און צוגעפאסט צום יודישען כאראקטער, אבער אלצדינג ווילד, אלצדינג אויף צופאל און קאניוקטור? וואו איז די ציוניסטישע ארגאניזאציע, וואו איז די האנד פון דער יודישער אגענץ און פון ועד לאומי?

ל. ט.

יוסף שאיא, וויעלון.

וואס איז און וויל דער אלגעמיינער ציוניזם?

דער אלגעמיינער ציוניזם — דאס איז זיין א ציוניסט אהן שום בעווארענישען, א ציוניסט, וועמעס איינאונאיינציגער אידעאל און שטרעבען איז צו ראטעווען דאס יודישע פאלק פון זיין גלות'דיגען שפלות, דורך וועקען ביי איהם דאס נאציאנאלע בעוואוסטזיין דורך ערווערבען און אויפבויען דאס לאנד, וואס האט געהערט צו זיינע אבות; דאס וועט ממילא הויבען דעם אנזעהן פון יודישען פאלק צווישען די פעלקער, אפילו פאר די, וואס ווילען בלייבען אין גלות.

דער אלגעמיינער ציוניסט בעשטרעבט צו העלפען דאס גאנצע יודישע פאלק אלס גאנצעס, אלע טיילען און שיכטען פון יודישען פאלק ווי און וואס זיי זאלען נישט זיין, צי פרום, צי נישט-פרום, פראלעטאריער, צי בורזשואזיע, האנדווערקער צי סוחרים, אזוי ווי עס שטעהט: כל ישראל יש להם חלק ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ.

דער אלגעמיינער ציוניסט האט אלזא נישט מעהר ווי דעם איינאואיינציגען ריין-ציוניסטישען אידעאל פון עמאנציפאציע און רענעסאנס פון עם ישראל, פון ארץ-ישראל פאר'ן כלל ישראל.

דער אלגעמיינער ציוניזם איז כולל אלץ און בעציהט זיך פאזיטיוו צו אלעם: הן צום סאציאליזם, אז ס'זאל הערשען א יושר'דיגע און מענשליכע בעציהונג צום ארבייטער א. א. וו., הן צום פרומקייט, אז עס זאלען נישט ווערען פערלעצט די רעליגיעזע געפיהלען א. ד. גל. הגם ער מאכט נישט דערפון קיין דירעקטען וועזען, ווייל דאס זענען זעלבסטפערשטענדליכקייטען, וואס, איבריגענס, דאס לעבען אליין וועט פארמירען און קאארדינירען.

זענען אבער אויפגעשטאנען עקסטרעמיסטען, וועלכע האבען פון די תפלים, פון די נעבען-זאכען געמאכט הויפט-זאכען, זיי צוזאמענגעשפאנט מיט ציוניסטישקייט און אפילו עס בעפארצוגט און געמאכט פאר דעם עיקר, און דעם ציוניזם — אלס תפל. אזוי איז אויפגעשטאנען א פועלי-ציון-פארטיי, וועלכע האט דעם טראפ געשטעלט אויפ'ן סאציאליזם, איז אויפגעשטאנען דער „מזרחי", וועלכער האט דעם טראפ געשטעלט אויפ'ן דת, זענען אויפגעשטאנען רעוויזיאניסטען, וועלכע האבען אלס געגענגעוויכט צו די לינקע, ארויסגעריקט דעם מאקסימאל-נאציאנאליסטישען פרימאט.

דער אלגעמיינער ציוניזם מוז זיין טאלעראנט צו די אלע שטרעמונגען. מילא פערמאלען: זאלען זיין שומרים פון סאציאליסטישען יושר, זאלען זיין שומרים פון פרומקייט, זאלען זיין שומרים פון אבהיטען מאקסימאלע תביעות אויף ארץ-ישראל — דאס אלעס קען נישט שאדען, און אויב מען וויל קען עס אפילו נאך נוצליך זיין.

אבער במה דברים אמורים — דאס אלעס איז גוט, ווען יעדע גרופירונג איז א מינדערהייט און קען העכסטענס ארויסאיבען א געוויסע השפעה, א געוויסען דרוק, אז מען זאל אין בעטראכט נעמען איהרע פאסטולאטען.

אבער מיט דעם מאמענט ווען פון דער גרופירונג ווערט א מעהרהייט, ווען זי בעקומט אין איהרע הענד די מאכט, די אנפיהרונג פון דער ציוניסטישער מלוכה — דאמאלס ווערט זי געפעהרליך פאר'ן ציוניזם, דאמאלס הערט אויף צו רעגירען דאס יודישע פאלק איבער זיך און עס הויבט אן צו הערשען א קלאס; דאמאלס ענטשטעהט גיפט און שנאה דארט, וואו ליבע איז דער הויפט-יסוד פון לעבען און שאפען; דאמאלס ענטשטעהט קאמף און פירוד, ווען עס נויטיגט זיך שלום און צוזאמענארבייט.

לאמיר אקארשט אננעהמען, אז די „אגודה" אדער חסידים פון טיפ מונקאטש, בעלז, באבעווע א. ד. גל. צוזאמענגענומען וואלטען בעקומען די מאכט איבער ארץ-ישראל, דאמאלס איז זיכער, או מען וואלט גערודפ'ט עד חרמה יעדען פרייען, מען וואלט בודק געווען, צי מען טראגט ציצית, צי מען קושט די מזוזה, מען וואלט געשאפען פאראנגאפ'ס 20 (עהנליך, ווי צו דער קהלה), מען וואלט קוואליפיצירט, ווער עס איז כשר, ווער עס איז נישט כשר עולה צו זיין. מיט איין ווארט — עס וואלט דער פינסטערער יעזואיטישער פאנאטיזם צוריק אויפגעהויבען דעם קאפ און וואלט געמאכט א חורבן פון ארץ-ישראל.

דאסגלייכען איז געפעהרליך פאר'ן ציוניזם, ווען די מאכט איבער איהר פערכאפט א לינקע פארטיי, אזוי ווי דער פאל איז איצט. די פארטיי האט מעהר אין זינען איהרע קלאסען-אינטערעסען, ווי די ציוניסטישע, זי בעמיהט זיך אראבצובערענגען נאך ארץ-ישראל וואס-מעהר אייגענע פארטיי-חברים, כדי צו פערפעסטיגען איהר פאזיציע, זי פיהרט א קאמף געגען קלער, געגען דער בורזשואזיע, געגען רעכטע ציוניסטישע ריכטונגען; זי בעמיהט זיך צו פערפלאנצען די מארקסיסטישע תורות, צו דיענען דעם צווייטען אינטערנאציאנאל, און געהען נאך א סך, א סך ווייטער...

און אויב עס האלט נאך נישט אינגאנצען דערביי — איז עס נאר דערפאר, ווייל זי בעזיצט נאך נישט די קראפט און מעגליכקייטען דערצו, אבער מען זאגט זיך דערפון נישט אב, בפרט די יונגע גענעראציע פון טיפ „השומר הצעיר" וועלכע איז שוין א סך ווייטער אוועק פון זיינע רבי'ס.

אבער צו אלעם קומט אנ'ענדע. און דער אלגעמיינער רעכענט שוין מעהר נישט צו שפילען די צוקראכענע, אונבעהאלפענע מאמע-ראל, ווי ביז איצט.

גענוג געלאזט רייסען פון זיך די מאסען און איבערהויפט די יוגענד און געלאזט זיי פערפיהרען מיט פאלש-משיחישע אמונות פון שאפען א נייעם מין מוסטער-שטאאט! גענוג געלאזט פערכאפען דער העגעמאניע אין דער ציוניסטישער אויבער-לייטונג, אויסנוצענדיג זי אויף אינערליכע ברידער- און קלאסען-קאמפען, אויף ארויסשטויסונג פון א ווערטפולע ציוניסטישע קראפט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

דער אלגעמיינער ציוניזם טרעט איצט ארויס געשטארקט און ארגאניזירט אין א וועלט-פערבאנד. ער וויל ברעכען די מאכט פון א פארטיי און צוריק איבערגעבען די מאכט דעם פאלק אליין;

נישט קיין „מוסטער-לאנד", נישט קיין קלאסען-לאנד", נאר אונזער נאציאנאל לאנד ווילען מיר מאכען פון ארץ-ישראל; נישט מעהרערע חלומות פערווירקליכען, נאר איין חלום — דעם אויפבוי פון אונזער מלוכה — דעם דאזיגען חלום ווילען מיר פערווירקליכען.

און מיר זעצען אויפ'ן געזונדען אינסטינקט און שכל הישר פון די ציוניסטישע מאסען, אז זיי וועלען בייהילפיג זיין דעם אלגעמיינעם ציוניזם צוריק צו ערווערבען די אמאליגע בכבוד'ע פאזיציע אין ציוניזם, וואס נאר ער איז בכוח צוריק ארויפצופיהרען דעם בלאנדזשענדען ציוניזם אויפ'ן ריכטיגען שליאך.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

די היינטיגע וואך איז אדורך בשלום, מיר האבען נישט געהאט קיין אלגעמיינע פערזאמלונגען און אויך נישט קיין קאנפערענצען, כאטש פטור בלא כלום זענען מיר אויך נישט, ווארום איין פארלעזונג איז יא פארגעקומען זונטאג פון א פועלי ציוניסטישען גדול וועגען די קינפטיגע וואהלען צום ציוניסטישען קאנגרעס. קיין געוואלדיג געשעהעניש איז עס אבער פארט נישט. און יא-נעכטען האט געזאלט פארקומען די פארטזעצונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון סוחרים פעראיין (איהר מוזט וויסען, רבותי, אז איך שרייב די שורות אין מיטען וואך אזוי, אז איך קאן נאך נישט איבערגעבען וועגען דעם, וואס ס'איז פארגעקומען דאנערשטאג נאכמיטאג בעת די צייטונג איז שוין כמעט פערטיג).

איז אט אזוי ווי מיר האבען די וואך נישט געהאט קיין אלגעמיינע פערזאמלונג, וועל איך מיך נאך בענוצען מיט די ברעקלעך פון דער פערגאנגענער וואך, וועלכע זענען לויט מיין מיינונג זעהר אינטערעסאנט און ס'וואלט געווען א גרויסער שאדען (כ'האב זיך שיעור נישט ארויסגעכאפט: פאר דער מענשהייט), אז עס זאל פערלוירען געהן.

גענעראלען אהן ארמעע...

דאכט זיך, אז דער סוחרים-פעראיין, ווער שמועסט דער טשענסטאכאווער, דארף שפילען א גרויסע ראל אין לעבען פון די יודישע סוחרים. אט זענען כמעט אלע עפענטליכע אינסטיטוציעס פערטרעטען דורך די פארשטעהער פון היגען סוחרים-פעראיין: ווי שטאדט-ראט, קהלה, איזבא סקארבאווא, האנדעלס-קאמער א. א. וו., א. א. וו. און פונדעסטוועגען האבען די מיטגלידער א זעהר קליינעם אינטערעס פאר דער דאזיגער ארגאניזאציע. ערשט נישט-לאנג איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג און עס זענען סך הכל געקומען 31 פערזאן, האט מען זי אבגעלייגט און צונויפגערופען א צווייטע פערזאמלונג און צו דעם צוועק האט מען ארויסגעלאזט ספעציעלע אויפרופען און געטרומייטערט, זענען אויף דער צווייטער פערזאמלונג שוין געקומען 63 פערזאן. אבער דאס איז אפילו נישט קיין 25 פראצענט מיטגלידער.

און גערעכט זענען געווען די רעדנער, וועלכע האבען ערקלערט, אז זייער היגער סוחרים-פעראיין פערמאגט א סך גענעראלען (כמעט אלע וואלטען געוואלט זיין גענעראלען) נאר אהן ארמעע.

אז ער זאגט יא, מוז זיין ניין...

אין דער דיסקוסיע איבער'ן בעריכט האט אויך גענומען א ווארט ה' לאנגנער, נאר ער האט נישט געהאט קיין הצלחה, ווייל וואס ער האט נישט געזאלט זאגען און פראיעקטירען, איז ארויסגעקומען פונקט פערקעהרט. איבערהויפט האט ער געהאט א שטארקען געגנער אין פארזיצער גופא. וואס ה' לאנגנער האט אלץ פארגעשלאגען האט מען איהם כסדר אבגעווענדעט, ביז ער איז שוין געווארען אויפגערעגט און אויסגעשריגען: אויב אזוי ווייס איך דאך שוין וואס איך האב צו טהון. אויב איך וועל וועלען, אז מיינס א פארשלאג זאל אנגענומען ווערען, וועל איך זאגען פונקט פערקעהרט. ווייל אז איך זאג יא, מוזט איהר דאך זאגען ניין, וועל איך ספעציעל זאגען ניין, וועט במילא אויסקומען יא...

נישקשה פון א דעפיציטעל.

מיר האבען געהאט אנ'איינדרוק, אז דער סוחרים-פעראיין, צו וועלכען ס'געהערען אויך פאבריקאנטען, באדט זיך אין געלד, איבערהויפט ווען זיי האבען אויסער דעם מיטגלידס-בייטראג אויך זייטיגע הכנסות, וואס דארף אויספולען דעם בורזשעט נאך מיט אנ'עודפ'ל. ווייזט זיך אבער ארויס, אז די וועגען פון א געזעלשאפט זענען פערבארגען און ווען מען ציהט אונטער דעם בילאנס, שטעלט זיך ארויס, אז ס'איז פערהאנען א דעפיציט פון צירקא 7 טויזענד זלאטעס.

הא, וואס זאגט איהר, נישקשה פון א דעפיציטעל.

ער שטורמט.

אויף דער דאזיגער אלגעמיינער פערזאמלונג איז ה' נויפעלד ארויסגעטרעטען דריי מאל מיט שארפע רעדעס. די ערשטע, וועלכע איז געהאלטען געווארען איידער מען האט נאך בעטראכט דעם טאג-ארדנונג, איז געווען געווידמעט דעם אנטי-היטלער-קאמיטעט, וועלכער האט עקזיסטירט ביים סוחרים-פעראיין און איז אהן א ודוי פערשוואונדען געווארען און מען ווייסט נישט וואו ער איז געקומען צו קבר ישראל. די צווייטע — איז געווידמעט דער טרויעריגער לאגע פון יודישען סוחרטום און די דריטע רעדע איז געווען אנ'אפעל צו די סוחרים, אז זיי זאלען קומען אויף דער פארטזעצונג פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

אלע דריי רעדעס זענען געהאלטען געווארען אין א הארציגען אויפריכטיגען טאן און האבען געמאכט א שטארקען איינדרוק. די פראגע איז נאר, צי דאס וועט האבען די געהעריגע ווירקונג אויף די דעזארגאניזירטע סוחרים, אז זיי זאלען זיך אויפכאפען פון זייער שלאף און זיך אנהויבען פעראינטערעסירען מיט זייערע לעבענס-פראגען.

דער ארויסטריט פון ה' נויפעלד האט מיט זיך יעדענפאלס פארגעשטעלט א גרויסען שטורם-אויסברוך.

עס איז געווען דער „טראגישסטער" מאמענט...

מיר קומט אויס יעדעס יאהר בייצוואוינען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה", און ס'איז שוין ביי מיר פון פריהער אויס בעקאנט דער גאנצער סדר פון דער פערזאמלונג, אזוי אז איך קאן גאנץ דרייסט זיצען אינדערהיים און אנשרייבען דעם בעריכט, זייענדיג זיכער, אז איך וועל חס ושלום נישט מאכען קיין טעות...

היי-יאהר אבער האב איך אויף דער פערזאמלונג איבערגעלעבט א „טראגישען" מאמענט, און נישט בלויז איך, נאר די גאנצע פערזאמלונג, און אט צוליעב וואס:

איידער מען איז צוגעטרעטען צו בעטראכטען דעם סדר-היום, האט די פרעזעסין פרוי וועקסלער געווידמעט עטליכע ווערטער דעם נישט-לאנג פערשטארבענעם ערשטען פוילישען מארשאל יוזעף פילסודסקי און געבעטען צו בעעהרען דאס אנדענקען מיט אויפשטעהן און אלס סימן פון טרויער זיין שטיל גאנצע דריי מינוט.

האב איך דאך שוין געזעהען עפיס טראגישעס, נאר אז פרויען, איבערהויפט פון דער „עזרה" זאלען מוזען שווייגען גאנצע דריי מינוט — צי קען דען נאך זיין עפיס טראגישערס...

קינדערלעך אויף דער פריי...

ווי מיר זאלען נישט ליעב האבען אונזערע קינדערלעך, זענען מיר דאך זיי מקנא, וואס גראד אין זייער צייט האט די וועלט אנגענומען אזא מנהג

פ. בלומענקראנץ.

טעאטער=נאטיצען.

שטאדטיש קאמעראל-טעאטער. „איינשטיינ'ס טעאריע", קאמעדיע אין 3 אקטען פון אנטאני צוואידזשינסקי, רעזשי א. גאל.

א פיינער איינפאל, ביז גאר אינטערעסאנט: נעמען אלס קאנווע פון א קאמעדיע איינשטיינ'ס טעאריע און ווייזען די קווי-פרא-קוואס, מאדנע מסקנות, און אויסטערלישע קאנקלוזיעס צוליב'ן וועלען איינטייטשען אין איהר דורכ'ן סתם-מענש זייערע ביז-איצטיגע בעגריפען.

כדי קלארער צו מאכען דאס אקארשט געזאגטע, וועלען מיר זיך ערלויבען איבערצוגעבען א ביסעל דעם אינהאלט:

א פראפעסאר פון טעארעטישער פיזיק גיט צו פערשטעהן זיין פריינד, א ליטעראט די דערגרייכונגען פון דער נייער פיזיק בנוגע ענערגיע און מאטעריע, צייט א. ז. וו.

ער ווייזט איהם אויף, אז די בעגריפען מאטעריע און ענערגיע זענען נישט אבסאלוטע, אונפערענדערליכע. להיפך: פון מאטעריע קען ווערען ענערגיע און פערקערט. מאטעריע איז נור א קאנדענסירטע פארם פון ענערגיע.

ווייטער איז דער פראפעסאר מבאר, אז צייט איז א רעלאטיווער ענין און איז אבהענגיג פון געגעבענעם קערפער, ד. ה. אז צייט עקזיסטירט נישט א פריארי, ווי די פריהערדיגע פילאזאפען האבען געטראכט, נור פערבינדען מיט א געוויסען קערפער. צוליב דעם קען א סעקונדע ביי אונז זיין — לאמיר זאגען — א יאהר אויף אנ'אנדערן פלאנעט...

דער פראפעסאר רעדט זיך אזוי און דער ליטעראט שאקעלט פערוואונדערט מיט'ן קאפ. אבער ער בענוגענט זיך נישט, ער האקט אריין תיכף נאך א „באמבע" און נעמליך, אז די וועלט איז אונבעגרעניצט אבער זי ענדיגט זיך. דער שטח איז... לעולם א קליינינקער: 100 מיליאן יאהר ליכט (די שנעלקייט פון ליכט איז, כידוע, ארום דריי הונדערט טויזענד קילאמעטער אין א סעקונדע) אבער... ר'איז פערהאן. אונבעגרעניצט איז די וועלט, ווייל מיר קענען קומען צוריק צום זעלבען ארט פון וואנען מיר זענען ארויסגעגאנגען...

איהר האט עס צוקייעט? זיצט מען אזוי אין טעאטער און מ'קנייטשט דעם שטערען: זעהר אינטערעסאנט. און מ'האפט, אז אין צווייטען אקט וועט די אקציע ווערען א הייטערע און מיר וועלען במילא פערדייען דעם ערשטען.

אבער א טעות. אויב אין ערשטען האט גערעדט דער פראפעסאר, בעקומען לשון אין צווייטען די ווייבער. זיי הויבען אן, מיט דער דינסט מארינא אן דער שפיץ, צו „אינטערפרעטירען"... איינשטיינ'ען.

„אויב מאטעריע און ענערגיע איז הינו הך זענען דאך שוין ריכטיג די ווערטער פון די הייליגע שריפטען, אז דאס ווארט (ענערגיע) איז געווארען טהאט (מאטעריע) — פיהרט אויס די דינסט (און מ'שרייבט דאס שוין צו צום פראפעסאר'ס מאנוסקריפט).

דעם פראפעסאר'ס זוהן ווידער, א ספארטסמאן און פייערדיגער פוטבאליסט קאנקלודירט, אז אונשטערבליכקייט איז וויסענשאפטליך בעגרינדעט. ווארום אויב צייט איז פערבונדען מיט קערפער, הייסט עס, אז נאכ'ן טויט בעפרייט זיך די נשמה פון קערפער און במילא אונטערליגט זי נישט קיין צייט און איז שטענדיג פערהאן...

דאס טעכטערל פון פראפעסאר, א גלויבערין אין דער ענטפלעקונג ביי דער הייליגער טערעסא גיט צו פערשטעהן, אז התגלות איז אויך „בעגרינדעט" לויט איינשטיינען, ווייל דעמאלס בעפרייט זיך די נשמה פון גוף און דורכדעם אויך פון צייט, בעקומענדיג אזויערנאך די מעגליכקייט צו זעהן איינצייטיג די פערגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט.

אזוי לאנג און אזוי ברייט ביז די דינסט גיט צו פערשטעהן, אז די ציגיינערינ'ס פאראויסזאגונגען זענען אויך „וויסענשאפטליך" אויסגעהאלטען, ווייל זי בעפרייט זיך פון גוף א. ז. וו. כנ"ל.

און אלע: סיי די דינסט (דער עקר ז') סיי די סטענאדיפיסטין, וואס האט זיך שטארק געאיילט אויפ'ן דאנסינג, סיי דער פערברענטער ספארטסאן און סיי די שילערין דעבאטירען וועגען אונשטערבליכקייט, התגלות, נביאה ביז דער פראפעסאר פאלט אריין אין שטוב מיט כעס, אז ליינענדיג זיין לעקציע האט ער אריינגעבראקט דעם אויפטהו פון דער דינסט וועגען דער הארמאניע צווישען די הייליגע שריפטען און דער נייער פיזיק.

נו, מיינט איהר דאך, אז גענוג פילאזאפירט, הויבט זיך נישט אן. אין דריטען אקט קומט צו געהן דער ליטעראט, גראטולירט זיין פריינד צוליב'ן שלום מאכען צווישען דער ביבעל און איינשטיינען, און ווייזט אויף, אז דעם ענין פון צייט האט נאך פלאטאן פערשטאנען, זאגענדיג, אז צייט עקזיסטירט איינצייטיג מיט דער וועלט. און אלע: פון דער באבע ביז דער דינסט גיבען צו א נופך משלהם, יעדער „פערשטעהט" איינשטיינען און טייטשט אויס זיינע אייגענע מעשות און חלומות מיט דער הילף פון דער נייער פיזיק. דער פראפעסאר ווערט מבולבל, ביי איהם הויבט אויך אן הערשען א מין ערבוב-גבולין ביז דעם ליטעראט פאלט איין צו שרייבען וועגען דעם אלעם א... קאמעדיע.

* * *

הגם די דאזיגע קאמעדיע ווערט געשפיעלט אויף א סך פוילישע סצענעס און איז איצט זעהר אקטועל, פעהלט אין איהר די געהעריגע עלעמענטען פון א סצענישער שאפונג.

קורם-כל פעהלט אין איהד דער רעאלער מאמענט. ס'לאזט זיך אונז נישט גלויבען, אז דער עולם פילאזאפירט (אפילו שלעכט) אזויפיעל. זיצענדיג מיט א געוויסער אנשטרענגונג אין טעאטער האבען מיר געטראכט: הלואי וואלטען ווירקליך אלע: אנשים, נשים וטף געטראכט און אבגעשטעלט זיך אויף ענליכע ענינים, ווארום דעמאלס וואלטען אונזערע וויסענשאפטס-מענשען נישט געגאנגען אהן זוילען... און ס'וויל זיך פרעגען ווייטער: פונוואנען נעמט זיך אזא איינשטיין-פסיכאז? פונוואנען אזא דענקונגס-חוש ביי א דיענסט: זי האט דאך די מסקנות פון פראפעסאר בעסער פערשטאנען פון ליטעראט? און פון ווען הערשט דא ביי אונז אזויפיעל צוגעלאזענקייט: דער פראפעסאר פילאזאפירט מיט דער דינסט און זי פליהט איהם אין פנים אריין!

עפיס נישט גלויבליך. און דער איבערבוך ביים ספארטסמאן און די פלוצים'דיגע פעראינטערעסירונג פון דאנסינג מיידעל, דער סטענאפ-דיסטין! דאס אלץ איז אזוי ווייט פון ווירקליכקייט, אז עס איבערצייגט נישט און רעדט נישט צו אונז.

און נאך עפיס. דער מחבר האט דאך געדארפט נעמען אין אכט דעם צושויער, וועלכע זעהט פאר זיך א גאנצע צייט די זעלבע שטוב און הערט דעבאטען... הימעל און ערד און דיסקוסיעס. ס'מוז דאך זיין א מאס אפילו פאר וכוחים.

* * *

דאס איז בנוגע דעם ווערק גופא. וואס איז שייך דאס שפילען איז עס געווען אהן פארוואורף. אלע האבען זיך געפיהלט גוט און געשאפען פיינע געשטאלטען. ס'איז דעריבער נישט נויטיג זיי אויסצורעכנען. די הויפט-ראלען זענען אויסגעפיהרט געווארען דורך דעם זעהר סובטעלען אקטיאר מאליגאווסקי'ן (פראפעסאר) אין דער בעגאבטער אקטיארין פרוי גאל (דינסט). אבער אויך אלע איבריגע האבען אהערגעשטעלט טיפען דורכגעטראכטע (בוטשינסקי איז געווען דאסמאל זעהר פיין).

* * *

היוצא לנו מזה.

הגם די קאמעדיע בעזיצט נישט קיין געפאדערטע סצענישע עלעמענטען, ווי: אקציע, שפאנונג א. ד. גל., דארפט מען זי זעהן צוליב איהר נייער טעמאטיק. דער מחבר האט גענומען אלס הינטערלאגע וויסענשאפטליכע פראבלעמען, עלימינירענדיג דערביי אינגאנצען דעם ליבע-מאמענט, פאמיליע-אינטריגעס און ענליך „דאנקבאר" מאטעריאל. און נישט נור מ'קושט נישט אויף דער סצענע נור מ'דערמאנט אפילו נישט וועגען דעם.

און אויב דער קאמעדיע פעהלט דינאמיק און זינדיגט נישט מיט שטארקער רעאליטעט, קען מען אפשר דעם מחבר מוחל זיין (אין א געוויסער מאס) צוליב דער נייקייט פון אינהאלט, וועלכער וועט מעגליך סטימולירען אנדערע צו לאזען זיך—ביי דער געהעריגער בעריקזיכטיגונג פון די סצענישע עלעמענטען—אויפ'ן זעלבען וועג און אריינברענגען אזויערנאך פרישע פראבלעמען, נייערע טעמאטיק אין דער סצענישער שאפונג.

מיר רופען זיך אב.

אויף דער ווענדונג פון דער „ראדאמער-קיעלצער צייטונג" № 23 צו אלע פראווינצער יודישע צייטונגען וועגען א צוזאמענפאהר, כדי אדורכצורעדען זיך בנוגע פערשידענע אנגעוועהטאגטע ענינים פון דער פראווינצער פרעסע, רופען מיר זיך אב, אויסדריקענדיג אונזער פולשטענדיגסטע הסכמה.

מיר האלטען, אז דער חשוב'ער קאלעגע פון דער „ראדאמער קיעלצער-צייטונג" האט נאך נישט אין זיין ארטיקעל אויסגעשעפט אלע וועהטאגען, וואס דריקען אונז. ס'זענען פערהאנען נאך א סך, א סך מחלות, וואס ווערען וואס אמאל אלס כראנישער און ס'וואלט שוין לאנג צייט געווען, אז מען זאל זיי מיט'ן ווארצעל בעזייטיגען, איידער דער קערפער, די יודישע פראווינצער פרעסע, ווערט גאנגרענירט.

מיר ווילען דא נישט אויסרעכענען קיין פרטים, האלטענדיג, אז דאס איז א אינערליכע פראגע און דאס קאן נאר בעהאנדעלט ווערען אויף א צוזאמענפאהר פון דער פראווינצער פרעסע גופא.

מיר האלטען, אז אזא צוזאמענפאהר דארף פארקומען אין ווארשא, כדי די דעלעגאטען פון דער גאנצער פראווינצער פרעסע, וועלכע געפינען זיך אין אלע ווינקעלעך פון פוילען, זאלען נישט דארפען אויסגעבען צופיעל אויף הוצאות.

די איניציאטיוו פון ארגאניזירען דעם צוזאמענפאהר דארף—לויט אונזער מיינונג—נעמען אויף זיך די רעדאקציע פון דער „ראדאמער קיעלצער צייטונג", אלס פראיעקט געבערין, וועלכע דארף צו זיך איינלאדען נאך עטליכע פארשטעהער פון אנדערע פראווינצער צייטונגען, כדי גענויער דעם פלאן אדורכצופיהרען און איהם צו רעאליזירען.

ווענען די פעריען, וואס ציהען זיך גאנצע 2 חדשים און היי-יאהר זאגאר איבער 10 וואכען.

דערמאהנען מיר זיך בעת מיר האבען געלערנט אין די חדרים, וואו די למודים האבען געדויערט א גאנצען טאג ביז העט שפעט אין דער נאכט אריין, און דעם איינציגען פרייען טאג, וואס מיר האבען יא געהאט, איז געווען ל"ג בעומר, ווען מיר האבען געקאנט ארויס פריי אין פעלד (אויב ס'איז געווען א שעהנער טאג) און אויך אונטער דער אויפזיכט פון רבי'ן, זענען מיר מקנא אונזערע קינדער, וועלכע האבען היינט אויף גאנצע 10 וואכען אראבגעווארפען פון זיך דעם עול און זענען פריי ווי די פייגעל אין וואלד.

באלד הויבען זיך אן די קאלאניעס, און אפילו אויף דער האלב-קאלאניע פון „טאז" וועלען היי יאהר פערברענגען איבער 400 ארימע קינדערלעך.

זאלען זיי זיין געזונד און שטארק אונזערע ארימע, שוואכע, הארציגע קינדערלעך, נאר זייט אייך מודה, איהר עלטערע און דערוואקסענע, אז טיעף אין הארצען ברענט אין אייך אנ'אייפערזיכטס-געפיהל, פארוואס איהר זענט נישט קיין קינדער און קאנט נישט געניסען פון דער דאזיגער פרייהייט.

יודען בני רחמנים...

פון דער אסטראווער (בלאכאוויניע) קהלה האבען מיר בעקומען א הארצרייסענדען בריעף צו די לעטניקעס, וואס האבען בדעה צו קומען קיין אסטראווו אויף אברוה.

זיי ווענדען זיך מיט א הייסען אפעל, אז אזוי ווי זיי שרייבען א ספר-תורה און ס'זענען דא אזעלכע, וועלכע ווילען פיהרען א קאנקורענץ מיט עליות, לכן ווילען זיי, אז אלע לעטניקעס זאלען קומען צו זיי דאוועגען, מנדר זיין, כדי צו קאנען אויספערטיגען דאס ספר תורה.

ווי איהר זעהט, זארגען די אסטראווער יודען נישט בלויז פאר'ן גוף, נאר אויך פאר דער נשמה. נישט בלויז זיי רעקלאמירען סאסנאווע וואלד, זוניגע שטיבען, פעטע געגנולעך מיט געבראטענע פוטקעס, נאר זיי ווילען אויך האבען א מנין מיט א ספר-תורה, און היות ווי אייך אויף דעם געביט קומט פאר א קאנקורענץ, ווענדען זיי זיך צו די יודען, בני רחמנים.

עס דארף זיין א ביישפיעל.

מיר יודען זענען אנגעשראקען, אז טאמער זעהען מיר פונדערווייטענס געהן א פאר לאבוזעס, ענטלויפען מיר בעצייטענס, כדי נישט צו כאפען א קלאפ. די כוליגאנעס וויסענדיג דערפון, טשעפען זיי דוקא די יודען, וועלכע ענטלויפען; ווען מען שטעלט זיך אבער זיי אקעגען, טרעטען זיי אב.

זעלטען אבער דערלויבען זיך יודען אויף אזא „שפאס". יענע וואך זענען פאר פראנקע'ס הויז אין דער ערשטער אלעע געשטאנען עטליכע יודען, צווישען זיי אליהו איצקאוויטש און איטשע הארצאוויטש, געהען זיי אקעגען 2 לאבוזעס און הויבען זיי אן טשעפען. זענען די אויבענדערמאנטע יודען דוקא נישט ענטלאפען, נאר בעקומענדיג דעם ערשטען קלאפ, האבען זיי צוריק געענטפערט מיט א שטעקען איבער'ן קאפ, אזוי אז די כוליגאנעס זענען אנטלאפען מיט א וועה-געשריי און מיט א קללה אויף די ליפען, און זיי וועלען מסתמא אנזאגען א צעהנטען, אז ער זאל פארזיכטיג זיין ביים פערטשעפען א יודען.

ווען ס'וואלטען געווען א סך אזעלכע אונערשראקענע יודען, וואלט געווען ווייניגער אנפאלען אויף יודען.

די דאזיגע אונערשראקענהייט דארף דיענען פאר א ביישפיעל.

אז מען שמועסט היגיענע...

די סטראגאנעס זענען נישט היגיעניש, דער האנדעל אין נייעם מארק קאן דעריבער מעהר נישט פארקומען, און איינס פון די הויפט-מאטיווען איז, אז מען מוז פערשענערען די שטאדט.

מילא, אז קוים איז דא דער מאטיוו היגיענע, איז דאך נישט שייך צו זאגען, מעגען עטליכע הונדערט מארק-הענדלער אנווערען די פרנסה, מאכט עס נישט אויס. עס איז דאך עפעס די מאדאם היגיענע.

קורץ, דער מארק איז אבגעליידיגט געווארען און ווי מען שמועסט, וועט מען דארט מאכען א גן-עדן, מיט בוימער, מיט בלומען מיט... דערווייל אבער האט מען אויפגעשטעלט א בויד אין מיטען מארק, וואו מען פערקויפט פרוכטען און וואסער.

ווער ס'האט געזעהן די דאזיגע בויד, וועט ערשט פערשטעהן וואס היגיענע איז... וואונדערן זיך א סך מענשען: אויב די מארק-הענדלער האבען מיט זייער האנדעל געמאכט דעם מארק פאר נישט היגיעניש, טא וואו קומט אהער די דאזיגע אנטיהיגיענישע בויד. נאר דאס איז מסתמא סתרי תורה, אז מען שמועסט היגיענע, איז דאך נישט שייך צו זאגען...

אכטונג, טשענסטאכובקער יודען!

זאגט נור, רבותי, צי ווייסט איהר, אז אין אונזער שטאדט עגזיסטירט א „תומכי-עניים" געזעלשאפט, וואס בעזארגט יעדען שבת ביז 350 פאמיליעס מיט חלה, ברויט און אנדערע פראדוקטען, וואס ווערען צוזאמענגענומען פון די היגע יודישע בעפעלקערונג.

ביז איצט האט אויך איהר טשענסטאכובקער יודען, אנטייל גענומען אין דער דאזיגער מצוה, אמת, אין א קליינער צאהל, אבער דאך האט איהר זיך דערין בעטייליגט דערמיט וואס אייערע טשענסטאכובקער זאמלער האבען צוזאמענגענומען צווישען אייך פראדוקטען און זיי איבערגעגעבען די שליחים פון „תומכי עניים". דעם לעצטען שבת אבער האבען אייערע זאמלער פערגעסען און טראץ דעם, וואס די „תומכי עניים" האבען צו אייך געשיקט 2 מאל נאך די געזאמעלטע פראדוקטען, זענען זיי אהיימגעקומען מיט גארנישט.

טשענסטאכובקער יודען! זייט וויסען, אז מיט אייער פערנאכלעסיגען די דאזיגע הייליגע ארבייט, ווירקט איהר מיט, דאס עטליכע צעהנדלינג יודישע משפחות זאלען הונגערען. און פערגעסט נישט, אז גראד איצט, אין זומער-צייט, ווען א גרויסע טייל נותנים פאהרען אויף זומער-וואוינונג, איז אייער שטיצע נויטיגער ווי אלעמאל, ווייל עס פאהרען נאר אוועק די פערמעגליכע ד"ה די, וואס געבען, דאגעגען פאהרען נישט אוועק די מקבלים, נאר זייער צאהל ווערט ליידער פון וואך צו וואך גרעסער.

אלזא טשענסטאכובקער יודען, שליסט אייך נישט אויס פון כלל, בעטייליגט זיך אין דער גרויסער הייליגער ארבייט, שאפט דארט ביי אייך א קאמיטעט, וועלכער זאל מידי שבת בשבתו צוזאמעננעמען די נויטיגע פראדוקטען און זיי איבערשיקען אין שטאדט אריין, כדי צו געבען די מעגליכקייט מעהרערע יודישע משפחות צו דערהאלטען ביים לעבען.

מי במים...

מען זאל אבגעהיטען ווערען פאר פייער — איז דא ביי יודען א תפילה, עס איז אבער נאך ערגער, אז מען בלייבט אהן וואסער.

דער „אולען" האט אונז מזכה געווען מיט וואסער, אנשטאט צו געהן דארט ערגיץ צו א ברונעם אדער וויאמאל צום טייך נאך וואסער, איז גענוג צוצוגעהן צו דער וואנט אין דיין שטוב, געבען א דרעה און דו האסט וואסער, וויפיעל דו ווילסט נאר אליין.

איז אבער א צרה, וואס פאר דעם וואסער מוז מען בעצאהלען מעהר געלד, ווי פאר מילך, איז ווי לאנג איז דער שיעור? צאפ-אהין צאפ-אהער, אז דאס געלד לאזט זיך אויס.

אין דער ערשטער אלעע 8, א הויז מיט עטליכע זעכציג לאקאטארען, וועלכע דארפען האבען אזויפיעל און אזוי פיעל וואסער א טאג, שטעהען אויף אין א שעהנעם פריהמארגען די לאקאטארען, געהען צו נאך אביסעל וואסער, נאר צאפ-אהין צאפ-אהער, נישטא קיין וואסער. ווערט דאך א געשריי: וואסער! וואסער! נאר שריי חי וקים, קיין וואסער איז נישטא, סיידען צאפען פון א שטיין, אזוי ווי אמאל די יודען אין דער מדבר...

דער בעל-הבית האט אבער באלד דעם סוד ענטדעקט. היות ווי א טייל לאקאטארען צאהלען נישט פאר קיין וואסער, האט זיך אנגעזאמעלט א חוב פון א פאר טויזענד זלאטעס, זאגט דער „אולען", אז גיבסט נישט קיין געלד, האסטו נישט קיין וואסער.

און נישט בלויז די ערשטע אלעע 8 איז געבענשט מיט דער דאזיגער וואסער-מכה, נאר נאך אנדערע הייזער אויך, און קוים איז נאר געמאכט געווארען די התחלה, וועט עס שוין ווערען א מכה בשטאדט טשענסטאכאוו.

אלזא צו די אלע צרות און שלעק, וואס מיר האבען איז צוגעקומען נאך א מכה, א מכה שכתובה בתורה, וואס הייסט — מ י ב מ י ם.

דאס פייערליכע צוטיילען פון די צייגנישען פאר די שילער פון די אווענד-קורסען ביי דער האנדווער-קער-שולע.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין דער האנדווערקער-שולע פארגעקומען די צו-טיילונג פון די צייגנישען פאר די שילער פון די אווענד-קורסען.

אין דער פייערונג האבען אנטייל גענומען פרעזעס ראזענבערג, דר. גייס-לער, דר. א. בראניאטאווסקי, פרעזעס מיטלער, ש. קאץ א.א.

דיר. פזשיסוסקער עפענט די פיי-ערונג און בעט צו בעעהרען מיט אויפ-שטעהן און איין מינוט שווייגען דעם אנדענקען פון מארשאל יוזעף פילסודסקי.

דאן האלט דיר. פזשיסוסקער א גע-זעגנונגס-רעדע צו די שילער. עס רעדען נאך נאך די ה"ה ש. קאץ, די לעהרע-רין בלומענפרוכט און א שילער.

דאן קומט פאר דאס צוטיילען פון 32 צייגנישען פאר פאלגענדע שילער: פ. אלטמאן, י. בעסטערמאן, ש. בער-קאוויטש, א. דזיאלעצקי, א. דימאנט, ח. עקשטיין, ב. עפשטיין, י. עסטרייך, מ. פייערטאג, מ. גערשאנאוויטש, מ. גאלדבערג, א. גראנעק, פ. גאלסטער, מ. גראנעק, א. גאלדשטיין, א. האלנ-דער, י. האמבורגער, ח. קאנטאר, ז. קריצער, ר. לענטשנער, מ. לאסקא, ז. מיטעלמאן, ל. מאיראוויטש, א. נייזער, א. פשעדבארסקי, ש. ראזענבערג, ח. רוזשיצקי, ה. סאראוויצקי, מ. טורנער, י. ווייכמאן, פייוויל וואקס, פ. זאקס.

דאס פערענדיגען פון שול-יאהר אין דער פאלקס-שולע נומער 13.

אין דער פאלקס-שולע נומער 13 אונ-טער דער לייטונג פון פרל. נאטאליא שאכער, האבען נאכ'ן פערענדיגען דאס שול-יאהר בעקומען די צייגנישען פון ענדיגען די 7-טע אבטיילונג פאלגענדע שילער און שילערינס:

אבראמאוויטש שרה, באלזאם מאניא, בעסער חנה מלכה, כאין מינדל, צוקער-מאן שיינדל, טשארנא שרה, טשארנילאס יוסף, דראזשדזיק איטא, עלסטער גענלא, פייפער שיינדל לאה, פיקסעל חנה פריידע, פישבוים רייצע, פייפער יוסף, פעדער-מאן שלמה זלמן, גליקסמאן זעלדע, גראנעק גאלדע, גרוימאן גאלדע, גוטמאן אסתר געלא, געלבהויער מאיר, הערמא-לינג חיה שרה, הערשליקאוויטש הענע רייזל, הערץ נחמיה, איצקאוויטש מרדכי בער, יאקובאוויטש יצחק, קילשטיין יהודית, קאזשוך דישקא, קארמיאל בער-נארד רישארד, קעניגסבערג יוסף, יעד-לינסקי יודל, ליכטענפעלד מינדל, לעוו-קאוויטש ליבע רחל, לעדעמאן איידל, לעווענהאף מרים, לייזעראוויטש יהודא לייב, מארקאוויטש גיטל, מיכאלאוויטש ישראל שמחה, פיאטרקאווסקא שרה איטעל, פזשעדבארסקא רחל, פוקאטש הערשל, ריימאן מלכה, ראזענבלום פרי-מעט, שיינוועקסלער חנה, שמולעוויטש יהודית, שטענצעל גוסטאווא, שווארצ-בוים שרה הינדע, סאמסאנאוויטש פנחס, סעצעמסקי משה, ווארגאן רחל, וויע-וויורקא פייגל, וואלקאוויטש פייגל לאה, זאקס פעסע, זעלצער דינה רבקה, זיל-בערפעלד שיינדל.

טשענסטאכאוו וועט האבען צוויי סיים-דעפוטאטען.

ווי מען טיילט מיט, וועט טשענסטא-כאוו זיין דאס זיץ-ארט פון וואהל-קרייז נומער 25, וועלכער וועט וועהלען צוויי סיים-דעפוטאטען. די אלגעמיינע צאהל פון דער בעפעלקערונג אין וואהל-קרייז נומער 25 בעטרעפט 300.000 טויזענד דערפון פאלט אויס אויף דער שטאדט 120.000 און אויפ'ן פאוויאט 180.000.

א מאסען-מיטינג.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן נאהנטסטען ציוניסטישען קאנגרעס און מיט דער אקציע פאר א פרא-פאלעסטינא ארביי-טער-קאנגרעס, וועלכער ווערט ארויס-גערוקט דורך „פועלי ציון" ווערט צו-נויפגערופען אויף שבת, דעם 22-טען יוני א מאסען-מיטינג.

דער מיטינג קומט פאר האלב 11 א זייגער פריה אין זאל פון האנדווערקער-פערבאנד, אלעע 12.

דאס פערענדיגען דאס שול-יאהר אין דער פאלקס-שולע נומער 12.

שבת, דעם 15 טען ד. י. האלב 1 א זייגער מיטאג איז פאר'ן צוטיילען די צענזורען פארגעקומען דאס פייערליכע פערענדיגען דאס שול-יאהר. אויף דער פייערונג איז אנוועזענד געווען דאס גאנצע לעהרער-פערסאנאל מיט דער לייטערין פרל. לייזעראוויטש, ווי אויך פארשטעהער פון דער „אפיעקע".

נאך א קורצער רעדע פון דער ליי-טערין, נעמט דאס ווארט די ערציהערין פון 7-טען אבטיילונג פרל. זשיטניעווסקא, וועלכע געזעגענט זיך מיט די שילער און שילערינס און ווינשט זיי ערפאלג יעדען אויף זיין געביעט. דערנאך רע-דען אין נאמען פון דער 7-טער אבטיי-לונג – שילערין גוטערמאן, אין נאמען פון קרייז פון „לאפ" – דיאמענט, פון קרייז פון רויטען קרייץ – ארבאך און אין נאמען פון די אבסאלווענטען – שי-לערין לוסטיגער.

נאכ'ן אבזינגען דעם פוילישען הימן בעקומען זייערע צייגנישען פאלגענדע שילער און שילערינס: הדסה אקערמאן, פעלא ביאלעק, חנה בלומענקראנץ, נחמה בלומענקראנץ, משה בראקמאן, מענדל בערקאוויטש, דוד ברוינער, אסתר כוי-נאצקא, אייזיק דיאמענט, בינם עסטרייך, מאניעק עפשטיין, יעקב יוסף פיינער, גיטל פייגענבוים, האלינא פראנק, מאניא פעפער, לעאשא פוקס, חנה גוטערמאן, יצחק גוטערמאן, העניעק גענענדעלמאן, פעלא גליקסמאן, אברהם גלידמאן, דוד הויפטמאן, בריינדל גאלדבערג, קרישא יעלען, פעלא יעלען, אברהם יאקובא-וויטש, מאניעק יאסקראוויטש, פעלא קאץ, סאלא קורלאנד, יאדזיא קארנוואַ-סער, פעלא לוסטיגער, יוסף ארבאך, שמואל ארבאך, רוזשא ארבאך, רות ארבאך, מאניעק פאנטאפעל, אסתר פו-קאטש, רחל פרעגער, יעקב ראפאפארט, יאדזיא ריכטיגער, דבורה וואלפאוויטש, מירקא וולאדאווסקא, מאטיל ווייספעל-נער, בריינדל שימשעוויטש, יוסף זייד-מאן, בלימה זיידמאן, מאניא זעלקא-וויטש, יאדזיא זעליגמאן, לעאן זילבער-שטיין, האלינא זשולטאק.

אנ'אלפוילישער צוזאמענפאהר פון בעלי-חובות פון די שטאדטישע קרעדיט-געזעלשאפטען.

זונטאג, דעם 23 יוני 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון דער היגער קרעדיט געזעלשאפט, שלאנ-סקא-גאס 8 אנ'אלגעמיינער אלפוילישער צוזאמענפאהר פון בעלי-חובות פון די שטאדטישע קרעדיט-געזעלשאפטען.

אויפ'ן דאזיגען צוזאמענפאהר זאלען דעצידירט ווערען א רייהע וויכטיגע פראגען, ווי צוריקהאלטען, הויז-ליציטא-ציעס, פערקלענערן דעם פראצענט זאץ פון די געמאכטע חובות א.ד.גל.

יעדער בעל חוב דארף קומען אויפ'ן דאזיגען צוזאמענפאהר, ווייל פון דער אנוועזענהייט פון זייער צאהל איז אב-הענגיג דער ערפאלג פון דער אונטער-גענומענער אקציע.

דריי זיצונגען פון שטאדט-ראט.

קומענדע וואך וועלען פארקומען דריי זיצונגען פון שטאדט-ראט. אויפ'ן טאג-ארדנונג פון דער ערשטער זיצונג פיגו-רירען: ערטיילען די קאנצעסיע אויף צו פיהרען די שטאדטישע אויטאבוסען, וואהל פון א דעלעגאט פון שטאדט-ראט אין וואיעוואדישען ראט און בודזשעט אויפ'ן יאהר 1935–36. די אנדערע זי-צונגען וועלען זיין געווידמעט אויס-שליסליך בודזשעט-פראגען.

אויב עס וועל'ען נישט פארקומען קיין ענדערונגען וועט קינפטיגע וואך פער-ענדיגט ווערען דער בודזשעט און אין הסכם מיט'ן רעגולאמין וועלען אין יולי זיך אנהויבען די זומער-פעריען פון די שטאדט-ראטעס.

רעגיסטראציע פון אויטאס.

די האנדעלס-און אינדוסטריע-קאמער אין סאסנאוויץ מאכט בעקאנט אויפ'ן גרונד פון אינפארמאציעס, וואס זענען דערהאלטען געווארען פון וואיעוואדי-שען אמט אין קעלץ, אז די וואיעוואדי-שע קאמיסיע צו רעגיסטרירען אויטאס און אדורכצופיהרען עקזאמענס וועט אהערקומען קיין טשענסטאכאוו שבת, דעם 22 ד. ח. און וועט אמטירען אין לאקאל פון דער סטאראסטווע פון 9 א זייגער פריה.

פון דער רעוויזיאניסטישער בע-וועגונג.

(ע. י.) די עקזעקוטיווע פון רעווי-זיאניסטישען אוניאן האט פראקלאמירט די דינר-אקציע, וועלכע וועט דויערען פון 20-טען יוני ביז'ן 5 טען יולי.

לויט'ן בעשלוס פון די רעוויזיאניס-טישע וועלט-קאנפערענצען אין פראג און אין קראקא, קען פעררעכענט ווע-רען אלס רעוויזיאניסט נאר דער, וואס צאהלט יעהרליך דעם דינר, אזוי, אז יעדער רעוויזיאניסט פון 18 יאהר אן מוז בעזיצען דעם דינר.

דער דינר גיט דאס רעכט זיך צו בעטייליגען אין די פערזאמלונגען פון די ארטיגע גרופען, אין די וואהלען צו די לאנדעס-קאנפערענצען, ווי אויך צו דער רעוויזיאניסטישער וועלט-קאנ-פערענץ.

דעם דינר קען אויך אויסקויפען יע-דער יור פון 18 יאהר אן און וועלכער איז אפילו נישט קיין מיטגליד פון ברית הצה"ר, וועלכער אנערקענט אבער, אז דער ציעל פון ציוניזם איז די בהדרגה'דיגע פערוואנדלונג פון א"י, איינשליסענדיג עבר-הירדן אין א יוד. מלוכה.

זונטאג, דעם 23 ד. ח. וועט ווייל'ען אין טשענסטאכאוו אין שליחות פון קרן תל-חי איינער פון די אנגעזעהענסטע רעוויזיאניסטישע פערזענליכקייטען, דער בעקאנטער שריפטשטעלער און פסיכא-לאג פראפ. יצחק בערנשטיין, וועלכער וועט ארויסטרעטען מיט אנ'עפענ-טליכען רעפעראט, וועגען וואס ס'וועט בעזונדער געמאלדען ווערען. עס וועלען אויך פארקומען חבורים-פערזאמלונגען, א זיצונג פון אלע היגע רעוויזיאניס-טישע ועדים, ווי אויך א בעראטונג פון קאמיטעט צו בויען דאס עמיגראנטען-הויז א. נ. מארשאל פילסודסקי.

די וואהלען צו דער לאנד-קאנפע-רענץ פון „פועלי אגודת ישראל".

די פארשטעהענדע לאנד-קאנפערענץ פון פא"י האט ארויסגערופען גרויס אינטערעס אין די פעראינטערעסירטע קרייזען.

אין די פריוואט פערזאמלונגען וואס זענען פארגעקומען האט זיך בעטייליגט א גרויסער עולם חברים און סימפא-טיקער.

די דעלעגאטען-וואהלען קומען פאר קומענדען זונטאג, דעם 23.6 אין פא"י לאקאל, ב. יאסעלעוויטשא 8 פון 8 ביז 10 אוונט.

וואהל-רעכט האבען נור מיטגלידער עלטער ווי 18 יאהר, וואס בעזיצען מיטגלידס קארטען פון תרצ"ה.

נדבות פאר „תומכי עניים".

ה' מ. גאלדמאן 20 קילא ברויט, ה' י. פרעגער 10 קילא ברויט, ה' מ. בער-מאן 10 קילא ברויט, ה' ה. דראזדזיק 10 קילא ברויט, ה' מ. וואלקאוויטש 10 קילא ברויט.

פון „מזרחי".

שבת פ' בהעלותך 5 א זייגער נאכמ. קומט פאר א רעפעראט א. ד. ט.: „דאס רעליגיעזע יודענטום און דער 19-טער ציוניסטישער קאנגרעס" געהאלטען דורך די ה"ה: גאלדשטיין, קאנסענס א. א.

אלע חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך.

פון דער נייער שוהל.

ווי עס מעלדעט אונז די פערוואל-טונג וועט דעם שבת (פ' בהעלותך) דאווענען אין דער שוהל דער בעוואוס-טער חזן פינקעלשטיין, וועלכער איז געווען מעהרערע יאהרען קאנטאר אין דער פראנקפורטער סינאגאגע.

אנ'אויספלוג נאך קראקא.

נעכטען זענען אבגעפאהרען קיין קראקא פארשטעהער פון אינספעקטאראט פון דער גרעניץ-וואך אין טשענסטאכאוו מיט אינספעקטאר מילער און קאמ. קא-צאנאווסקי אין דער שפיץ, ווי אויך דעלעגאציעס פון דער בעפעלקערונג פון היגען און לובליניצער פאוויאט.

די דעלעגאציעס האבען מיטגעפיהרט ערד, וועלכע איז געווארען צוזאמענגע-נומען פון די גרעניץ-קאפצעס בעת די פייערליכקייטען לכבוד מארשאל יוזעף פילסודסקי, וועלכע זענען פארגעקומען זונטאג אויף דער פויליש-דייטשער גרעניץ.

„יום-טוב פון ים" אין טשענסטאכאוו

פערג. שבת אין אווענד איז אין מאגיסטראט פארגעקומען די ארגאניזא-ציאנס-פערזאמלונג פון בירגער-קאמיטעט צו פייערן דעם „יום-טוב פון ים" אין טשענסטאכאוו, וואס איז בעשטימט גע-ווארען אויפ'ן 29 ד. ח.

אין דער אנוועזענהייט פון צאהלריי-כע פארשטעהער פון דער מאכט און פון דער היגער בעפעלקערונג עפענט די פערזאמלונג סטאראסטע ראגאווסקי, וועלכער אינפארמירט גלייכצייטיג די אנוועזענדע וועגען ציעל פון דער פער-זאמלונג און שטרייכט אונטער, אז דער היייגער יום-טוב פון ים דארף אויס-פאלען אימפאזאנטער אין צוזאמענהאנג מיט דער 15 טער יאהרצייט פון ערבבערן דעם ים.

די פייערליכקייטען וועלען זיך אנהוי-בען דעם 28 ד. ח. 3 נאכמיטאג מיט'ן פייפען פון די פאבריקס-סירענעס. 8 אווענד וועט אויפ'ן פיעראצקי-פלאץ פארקומען א „צאפסטושיק" מיט'ן אנ-טייל פון מיליטער, ארגאניזאציעס און געזעלשאפטען. נאכ'ן אויסהערען די געלעגענהייטס רעדע וועלען די פערזא-מעלטע אונטער די קלאנגען פון מוזיק אבמארשירען צום שיף-פארט פון דער ים-ליגע ביים טייך „ווארטא", וואו עס וועט פארקומען דאס טראדיציאנעלע אראבלאזען קרענץ אויפ'ן וואסער.

צומארגענס אינדערפריה וועט פונ'ם ראט-הויז געגעבען ווערען א סיגנאל, וואס וועט מודיע זיין דער בעפעלקע-רונג וועגען יום-טוב פון ים. עס וועט פארקומען א גאטעסדינסט, א דעפילאדע אויפ'ן פיעראצקי-פלאץ און א פראפא-גאנדע-מארש.

עהנליכע פייערליכקייטען וועלען אויך פארקומען אין גנאשין, ראקאוו און אנ-דערע פאבריקען.

דאן זענען געוועהלט געווארען פער-שידענע קאמיסיעס, אין וועלכע עס זענען אויך אריין יודישע פארשטעהער.

אנ'אויספלוג נאך ראמאנוב.

זש. ט. ק. ארדענט איין זונטאג, דעם 23 ד. ח. אנ'אויספלוג נאך ראמאנוב. צוזאמענטרעף פאר'ן באהן-הויף 7 א זייגער אווענד. איינשרייבונגען נעמט-אן פירמע י. רזאנשינטקי, אלעע 29. יעדער אנטיילנעמער דארף זיך מיטנעמען א באד-קאסטיום.

אויספלוג פון „הפועל" קיין זלאטי-פאטאק.

דער היגער ארבייטער ספארט קלוב „הפועל" האט פארגעזעהן אויפ'ן היירי-גען זומער איינצואָרדנען א גאנצע רייהע אויספלוגען אין פערשידענע געגענדען, וועלכע זאלען די אנטיילנעמער געבען די געהעריגע בעפרידיגונג צו פערברענ-גען אויף דער פרישער לופט.

דער ערשטער אויספלוג קומט פאר זונטאג, דעם 23 ד. ח. פונקטליך 6.30 פריה מיט אויטאבוסען קיין זלאטי-פא-טאק. דער אבפאהר-פלאץ איז פון נייעם מארק ביים לאקאל.

איינשרייבען זיך צום אויספלוג קענען מיטגלידער און סימפאטיקער פון „בא-ראכאוו-היים", נייער מארק 2, יעדען אווענד.

נישט געוועהנליכער פראצעס פון א לעהרער.

עהערנעכטען איז פארגעקומען אנ'-אונגעוועהנליך כאראקטעריסטישער פרא-צעס פון 40-יעהריגען יאן פאטאנסקי, א לעהרער פון וויטשערפ, וועלכער ווערט בעשולדיגט, אז אין אקטאבער 1932 י. האט ער מיט א פאלשער כונה בעשול-דיגט די דינערין פון דער דאזיגער שולע באלבינא קאזא און איהר איידעם יאן סטעמפיען אין אויספיהרען סיסטעמאטי-שע גנבות צום שאדען פון דער שולע.

דער בעשולדיגטער האט ארויסגע-שיקט אנ'אנאנימען בריעף צו דער פא-ליציי-קאמענדע, סטאראסטווע און שול-אינספעקטאראט. אין רעזולטאט פון דער אדורכגעפיהרטער אויספארשונג געגען דער דינערין און איהר איידעם האט זיך ארויסגעוויזען די גרונדלאזיגקייט פון די פארווארפען. דאמאלס האט זיך די פאליציי פעראינטערעסירט מיט'ן שרייבער פון די אנאנימען. פאטאנסקי האט זיך נישט מודה געווען צו דער שולד, כאטש די עקספערטיזע האט יא פעסטגעשטעלט זיין שולד. פאטאנסקי'ס ווירפין, וועלכע איז שוין זייט א לענ-גערע צייט פאראליזירט, האט די גאנצע שולד גענומען אויף זיך, וועלענדיג אזוי ארום פערטיידיגען דעם לעהרער. צוליב דעם אבער, וואס מען האט נישט געקענט נעמען קיין פרובען פון דער פאראליזירטער, איז דער פראצעס עט-ליכע מאל אבגעלעגט געווארען.

ענדליך, נאכ'ן אויסערזוכען דעם פרוב פון איהר שרייבען פאר'ן קראנק ווערען, האבען די עקספערטען ער-קלערט, אז זי קען נישט זיין די אויטא-רין פון די אנאנימען.

עהערנעכטען האט דאס קרייז-געריכט פער'משפט פאטאנסקי'ן אויף 6 חדשים ארעסט, אבלעגענדיג דאס אויספיהרען די שטראף אויף 3 יאהר.

געפעלשט בלאנקעטען פון ארבייטס-פערמיטלונגס-אמט.

יוזעף סטאווינסקי, וולאדיסלאוו וולא-דארעק, מאיר ראטבארט און מאריאן קאלאדזיעיטשיק זענען אין יאהר 1933 געווען ארבייטסלאז און געשלאסען בע-קאנטשאפט מיט'ן אנגעשטעלטען אין ארבייטס-פערמיטלונגס אמט וולאדיסלאוו גאדאק און דערהאלטען פון איהם גע-פעלשטע בלאנקעטען פון אמט, וועלכע זיי האבען אויסגענוצט צו בעקומען אונטערשטיצונג.

די דערמאנטע זענען דערפאר צוגע-צויגען געווארען צו פעראנטווארטליכ-קייט און זיי האבען זיך פערטיידיגט, אז זיי האבען עס געטהון מיט דער ריינסטער כונה, מיינענדיג, אז גאדאק איז בעפולמעכטיגט ארויסצוגעבען אזעל-כע בלאנקעטען.

דאס געריכט האט פער'משפט אלע בעשולדיגטע צו 6 חדשים תפיסה, אב-לייגענדיג דאס אויספיהרען די שטראף.

געכאפט א באנדע פעלד-גנבים.

זייט עטליכע וואכען האט א גרופע נישט-ענטדעקטע פערברעכער אויסגע-פיהרט טעגליך צאהלרייכע גנבות פון די פעלדער, בעת וועלכע עס איז גאנץ אפט געקומען צו בלוטיגע געשלעגען.

די דרייסטע רויבער האבען זיך נישט גערעכענט מיט דער אנוועזענהייט פון די בעלי-בתים, וועמענס פעלדער זיי האבען פשוט אינגאנצען אבגערייניגט. ווען דער פויער האט געפרובט פערטיי-דיגען זיין האב-און-גוטס זענען איהם די רויבער בעפאלען מיט שטעקענס, שטיינער און מעסערס. ערשט דערזע-הענדיג אנקומען א גרעסערע צאהל פויערים צו הילף, זענען זיי ענטלאפען, כדי ווידער צו קומען גנב'ענען.

צוליב דעם, וואס אזעלכע פאלען האבען זיך לעצטענס אפט איבערגע-חזר'ט האט די פאליציי אנגעהויבען אנ'ענערגישע אויספארשונג, וועלכע האט געגעבען זעהר גוטע רעזולטאטען:

אין דער געגענד פון יאנאוו האט פאליציי דערזעהן 4 פערדעכטיגע פער-שוינען, וועלכע זי האט גענומען אונטער אבסערוואציע. ווען די דאזיגע פערשוי-נען זענען אוועק אויף איינעם פון די נאהנטע פעלדער, וואו זיי זענען צוגע-טרעטען צום איבערפאל, זענען זיי דורך דער פאליציי פערהאלטען געווארען און געשמידטע אין קייטען איבערגעפיהרט געווארען אויפן, פאליציי-פאסטען אין יאנאוו, וואו עס איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דאס זענען מיטגלידער פון א לאנג-געזוכטער פערברעכער-באנדע: טאדעאוש שטשעפאניאק און 3 ברידער אנדזשיי, יוזעף און וולאדיסלאוו קלאסאווסקי, איינוואוינער פון דארף לוסאוויץ. די פערברעכער זענען גע-בראנגט געווארען קיין טשענסטאכאוו און איינגעזעצט געווארען אין דער זא-וואדזיער תפיסה.

רעגיסטראציע פון קאנדידאטען אין ארבייטס-פונקטען.

דעם 26 און 27 ד. ח. פון 12 ביז 3 א זייגער מיטאג וועט אין דער וואיע-וואדישער עקספאזיטור ביי דער ביורא פון ארבייטס-פאנד אין טשענסטאכאוו פארקומען די רעגיסטראציע פון קאנדי-דאטען אין די ארבייטס פונקטען. עס וועלען אנגענומען ווערען רעפלעקטאנ-טען אין עלטער פון 17 ביז 22 יאהר.

די תנאים געגרייט, די ליכט אָנגעצינדען, די געסט וואַרטען און דער חתן — פערשוואונדען.

אַ זעהר טשעקאַווע מעשה איז זיך די וואָך פערלאָפען אין אונזער שטאדט, וואָס ס'איז כדאי צו דערצעהלען.

דער יונגערמאַן י. בענדעט האט זיך געלאזט רעדען אַ שידוך מיט'ן פרל. ז. פון דער טאַרגאָווע גאס. אַ זעהונג, חתן כלה איז זיך געפעלען און נאָכדעם ווי מען איז אַדורכגעקומען מיט'ן נדן, האָט מען געמאַכט אַ וואָרט און בעשטימט די תנאים אויפ'ן פערגאַנגענעם זונטאג אין אָוועגד.

דערווייל ווייזט זיך ארויס, אַז דער חתן-דנן, וועלכער האט אַ געוועלביל מיט רעהמען אין דער ערשטער אלעע 8, האָט גאַר געפיהרט אַ ליעבע מיט דער פרל. ג., וועלכע איז איהם זעהר וואויל געפעלען, נאר דאס איינציגע אומגליק איז געוועז, וואס זי האט נישט געהאט קיין נדן. האט זיך געפיהרט אַ קאַמף צווישען חתן מיט'ן חתנ'ס עלטערן. די עלטערן האבען געוואלט א כלה מיט נדן, און דער חתן? דער חתן האט אַליין נישט געוואוסט וועמען ער זאָל בעסער אויסקלייבען. דערפון האבען נאטירליך נישט געוואוסט די כלה'ס עלטערען, וועלכע האבען איינגעלעגט דעם נדן, אַדורכגעפיהרט אַלע פאָרמאַליטעטען און צוגעגרייט אַ תנאים, אַזוי ווי ס'געהער צו זיין מיט בילקעס, מיט פיש, פלייש וכדומה. די געסט זענען זיך זונטאג צונויפגעקומען און זיך געזעצט ווארטען אויפ'ן חתן. דערווייל האט מען אָנגעצינדען די ליכט און דער עולם האט גענומען צו ביסלעך משקה. נאר מען ווארט אַהין, מען ווארט אַהער — דער חתן איז נישטאָ. האט מען דאך גענומען א שליח און געשיקט נאכ'ן חתן, אָבער ער איז צוריקגעקומען מיט דער פינסטערער בשורה, אַז דער חתן איז ערגיץ נעלם געווארען, אַז אויך די עלטערן האבען זיך ערגיץ בעהאלטען.

דעם גרויסען צער און בושה פון דער כלה'ס עלטערן איז נישט געווען משער צו זיין. די געסט האבען זיך איינציגווייז ארויסגעגנב'עט פון דער תנאים און אַהיימגעגאַנגען, שעלטענדיג דעם חתן מיט זיינע עלטערן צוליעב דער אונערהערטער בושה, וואס זיי האבען פערשאַפט אַן'אונשולדיג מיידעל.

צומאָרגענס, ווען די מעשה איז בעוואוסט געוואָרען אין דער שטאדט, האבען מאַסען מענשען בעלאַגערט דעם חתנ'ס געוועלביל אויף אלעע 8 און איהם געוואָלט דורפ זיין. דער חתן בחור האט זיך ערגיץ בעהאַלטען און ערשט אין דריי טאג אַרום האט ער זיך בעוויזען.

דער פאטער פון דער פערשעמטער כלה האט גערופען די פאַמיליע בענדעט צום דין תורה, אַז מען זאָל זיי אומקעהרען דעם שאָדען, וועלכען זיי האבען געהאַט פאַר די אָנגעגרייטע מאכלים, וואס זענען קאַליע געוואָרען.

אין אַלעקסאַנדרער שטיבעל, וואו ס'דאַווענט דער פאַטער פון גערעטענעם חתן, טהוט זיך חושך. מען האט איהם ארויסגעוואָרפען פון שטיבעל, האַלטענדיג אז ער איז שולדיג אין דעם גאַנצען ענין.

די אויפרעגונג געגען דער מעשה-רע פון דער פאַמיליע בענדעט, וועט נאָך האבען נאָך זיך פאָלגען.

Sab.

פונוואַנען שטאַמט זיין ערפאָלג?

אַ בעקאַנטער באַנקיר, וועלכען מען האט אָנגעפרעגט וועגען דער סיבה פון זיין שטענדיגען ערפאָלג, האט געענטפערט:

— ווירקליך, איך בין מיין גאַנץ לאַנג לעבען קיינמאל נישט געווען אין קיין קריטישער לאַגע, הגם איך פלעג אָפט שטאַרק ריזיקירען. איך שרייב עס צו מיין פאָרזיכטיגער טאַקטיק: איך האב זיך מיין גאַנץ לעבען געהאַלטען אָן כלל, אַז א געוויסען פראָצענט פון מיין הכנסה און ריוח זאָל איך נישט לאָזען אין גאנג, נאר אָפלעגען. די דאָזיגע אָבשפאָרונגען האב איך מיך בעמיהט קיינמאָל נישט צו ריהרען. דאס איז געווען מיין תמיד וואַקסענדער רעזערוו-קאַפיטאָל, איינגעלעגט אויפ'ן זיכערסטען אופן.

— און וואו לעגט איהר היינט אָב אייערע רעזערוון? — האט מען געפרעגט דעם באַנקיר.

— וואו, אויב נישט אין פ. ק. אָ., וועלכע איז א מלוכה'שע אינסטיטוציע — האט דער באַנקיר געענטפערט. א מלוכה'שע אָבשפאַר - אינסטיטוציע גיט מיר די מעגליך גרעסטע ערבות, אַז מיינע געלד-רעזערוון וועל איך אין נויטיגען פאַל תמיד האבען צו מיין דיספאָזיציע.

אָנגענומען אַ שרייב - מאַשין צו רעפערירען און זי אָבגעגעבען אין לאָמבאַרד.

דורכ'ן קרייז-געריכט איז געמשפט געוואָרען טעאָדאָר וועדעמסקי, אייגענטימער פון א רעפעראַציע-ווערקשטעל אין טשענסטאָכאָוו, וועמען דער בעשולדיגונגס-אַקט ווארפט פאָר, אַז ער האט זיך צוגעאייגענט א שרייב-מאַשין, וועלכע ער האט בעקומען צו רעפערירען.

די געשיכטע ציהט זיך שוין 2 יאהר, ווען דר. קאַרטשעווסקי האט די מאַשין אָוועקגעבאָרגט א געוויסען שוויטאַלסקי. דער גורל האט אבער געוואלט, אַז ביי שוויטאַלסקי'ן איז זי קאַליע געווארען, צוליב וואס דער לעצטער האט זי אָוועקגעגעבען צו רעפערירען אין דער ווערקשטעל פון וועדעמסקי'ן.

נאך א געוויסער צייט האט דר. קאַרטשעווסקי געפאָדערט איהם די מאַשין צוריקצוגעבען און דאמאלס האט ער זיך דערוואוסט. אַז די מאַשין איז ביי וועדעמסקי'ן. ביי וועדעמסקי'ן האט מען אבער די מאַשין שוין נישט געפונען. וועגען דעם האט דר. קאַרטשעווסקי געמאלדען דער פאָליציי.

וועדעמסקי האט אבער בעת דער אויספאַרשונג ערקלערט, אַז די מאַשין געפונט זיך אין לאָמבאַרד. דר. קאַרטשעווסקי האט זי פון דאָרט אויסגעקויפט, אבער די פאָליציי האט דעם ענין איבערגעגעבען אין שטאָדטישען געריכט.

בעת'ן פראָצעס האט וועדעמסקי ערקלערט, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, ווייל די רעפעראַציע פון דער מאַשין האט ער איבערגעגעבען זיין מעכאַניקער ראָמאַנאווסקי, וועלכער האט, ווייזט אויס, אָהן זיין וויסען, איבערגעגעבען זי אין לאָמבאַרד. דערביי האט ער אָנגעגעבען ראמאנאווסקי'ס אַדרעס אין ווארשא. ראמאנאווסקי'ס דאזיגער אַדרעס, ווי אויך דער צווייטער אַדרעס, וואס איז אָנגעגעבען געווארען דורך וועדעמסקי'ן בעת'ן צווייטען פראָצעס, האט זיך אויך אַרויסגעוויזען פאר נישט-ריכטיג.

דאס שטאָדטישע געריכט האט דעריבער רעזיגנירט פונ'ם עדות און וועדעמסקי'ן פער'משפט אויף 3 חדשים אַרעסט.

וועדעמקסי האט אַפעלירט און דערביי האט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער האט שוין געהאָט אַן'עהנליכען פראָצעס.

דאס קרייז-געריכט האט דעם אורטייל פון דער ערשטער אינסטאַנץ בעשטעטיגט.

בעקאַנטמאַכונג.

דער ראַבינאַט מאַכט בעקאַנט, אַז דער אינהאַבער פון דער יאַטקע נאַרוטאָוויטשאַ נומער 1, **דוד לערערמאַן, האָט פערלוירען דאס נאמנות וועגען כשרות** און זיין יאַטקע שטעהט נישט מעהר אונטער קיין השגחה. די אלע, וועלכע עסען כשר פלייש זאָלען דאס נעמען אין אַכט און אין דער דאָזיגער יאַטקע קיין כשר פלייש נישט קויפען.

הרב ובד"צ.

טשענסטאָכאָוו, בירח סיון תרצ"ה.

גרויסער ערפאָלג פון „פרעהליכען שטעדטעל" „לונא-פאַרק".

זייט עטליכע טעג איז די סענסאַציע אין שטאדט דער „לונא פאַרק", וועלכער האט געעפענט זיינע געצעלטען אויף דער קילינסקי גאַס און יעדען אָוועגד ציהען אַהין טויזענדער מענשען, קינדער און דערוואַקסענע, וואס קומען אביסעל פערברענגען אין אַן'אטמאָספערע פון זאָרגלאָזיגקייט און געלעכטער.

דער „לונאַ-פאַרק", דאס א. ג. „פרעהליכע שטעדטעל" בעשטעהט פון אַ גאַנצע רייהע שעהנע אַטראַקציעס, פערשידענע אינטערעסאַנטע טריקען און איינפאַלען, וואס מאַכען לאַכען דעם ערנסטעסטען מענש, א חוץ פערשידענע קאַרוזעלען, דרעהענדען טונעל און אַנדערע איינריכטונגען איז אויך פערהאַן א „וואַריעטע"-טעאַטערל, וואו פערשידענע ארטיסטען טרעטען-אַרויס מיט סקעטשען, מאָנאָלאָגען דועטען א. א. וו. עס בעווייזט אויך דאָרט זיינע גבירות דער שטאַרקסטער מענש אין דער וועלט אַלעקסאַנדער ליטוויייטיס.

דער „לונאַ-פאַרק פערבלייבט אין טשענסטאכאוו נאָך בלויז איינינע טעג. איינגאַנג אויפ'ן פלאַץ—פריי.

גרויסע הנחות אויף די באַהנען פאַר די, וואָס פאָהרען אויף זונטאַג זיך אַברוהען.

דאס קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום פיהרט איין פון 1-טען יולי אָן א גרויסע הנחה פאר די פאַסאַזשירען, וואס פאָהרען אַרויס אויף זונטאג און אַנדערע חגאַטע אויף אַברוה.

די דאזיגע פאַסאזשירען וועלען גענייסען פון א הנחה אין דער הויך פון 33 פראָצענט. זיי וועלען אבער מוזען אויסקויפען א בילעט אויף אַהין און צוריק און דעם בילעט אויסקויפען דעמזעלבען טאג.

די הנחה וועט זיין גילטיג נור בנוגע צו די הינטערשטאָדטישע ערטער, וועלכע זענען אַריינגערעכענט געווארען אין א ספעציעלער רשימה.

פון דער הנחה וועלען קינדער נישט גענייסען. די הנחה וועט זיין גילטיג ביז'ן 1 סעפטעמבער.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.
אין דער גוט-בעקאַנטער
דרוקעריי פון
ב. באָטשאַן
1 אַלעע 6
טעלעפ. 22-01
ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלעראַרט דרוק-אַרבייט,
— ווי: —
בריעף-בויגען
קאָפּערטען
פאָסט-קאַרטען
חתונה-קאַרטען
בראָשורען
קוויטאַריושען
אַפּישען
פלוג-צעטלען
קלעפּסידרעס
א. ד. גל. ביליגער ווי יבעראַל.
בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

השבת אבידה.

עס איז פערלוירען געוואָרען א פאַרטפעל, אין וועלכען ס'איז געלעגען א אָבליגאַציע פון דער פאָזשיצקע נאַראָדאָווע אויף 150 זל. און נאָך פערשידענע דאָקומענטען.

דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אזעלכעס אבצוברענגען צום **זשאָריקער רבי'ן נאדרזעטשנא 30 געגען בעלוינונג.**

Do konserwowania

Dr. A. Oetker

Rozkład jazdy autobusów

przedsiębiorstwa „Właściciele Autobusów w Wieluniu" sp. z o. o. obowiązujący od 1 maja 1935 r.

1) Na linji Wieluń—Złoczew—Sieradz:

Wyjazd z Wielunia do Sieradza godz. 5.30, 8, 9, 12.45 i 16.30.
Wyjazd z Sieradza do Wielunia 8, 10.45, 14.20, 17.15 i 20.45.

2) Na linji Wieluń—Rychłowice—Widawa—Łódź:

Wyjazd z Wielunia do Łodzi godz. 5, 8.15 i 13.30
Wyjazd z Łodzi do Wielunia godz. 14.30, 19 i 19.45

Autobus wychodzący z Wielunia o godz. 13.30 i powracający z Łodzi o godz. 19 w piątki i soboty kursować nie będzie.

3) na linji Wieluń—Osjaków—Szczerców—Łódź:

Wyjazd z Wielunia do Łodzi o godz. 6.
Wyjazd z Łodzi do Wielunia o godz. 17-30.

Kurs powrotny z Łodzi w piątki będzie miał odjazd o godz. 14. W soboty autobus kursować nie będzie.

4) na linji Wieluń—Osjaków:

Wyjazd z Wielunia do Osjakowa o godz. 8 i 17.
Wyjazd z Osjakowa do Wielunia o godz. 9 i 18-30.

Gdy eleganckim pragniesz być, noś bieliznę marki **OPUS**

a gdy oszczędnym pragniesz być, noś bieliznę marki **OPUS**

albowiem koszule i kołnierzyki marki **OPUS** *wyrabiane są z pierwszorzędnych materjałów i wyróżniają się swą trwałością.*

TSRR TORGSIN OGÓLNOZWIĄZKOWE ZJEDNOCZENIE DLA HANDLU Z CUDZOZIEMC. MOSKWA, KUZNIECKIJ MOST 14

אַנווייזונגען אויף אלע שטעדט פון סאָוו.-רוסלאנד אויף „טאָרגסין" נעמט אָן: Bank Gospodarst. Krajowego און אבטיילונגען Bank PKO. און אַבטיילונגען (22.000 אמטען קאָנטע) Państwowy Bank Rolny (פ.ק.אָ. ביי אלע פאָסט-) און אבטיילונגען Pow. Bank Kredytowy S. A., Bank Zachodni S. A., Tow. „Hias", Pow Bank Związkowy, Bank Handlowy, Bank Związku Spółek Zarobkowych, D|B T. Banimowicz, Wilno Oddział Banku Drezdeńsk. און אנדערע w Gdańsku. ווערט = בריעף נעמען אָן אלע פאָסט-אמטען.

פאָדערט די נייע פרייז-קוראַנטען מיט די פערקלענערטע פרייזען.

אינפאָרמאציעס ערטיילען אלע דערמאנטע אינסטיטוציעס און די נגועלשאפט „היאס"
Warszawa, Plac Grzybowski 10. Tel. 275-63.

ראַטעוועט דאס געזונד!

אַ קראַנקער מאָגען איז אָפט די סיבה פון פערשידענע קראַנקהייטען

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

זענען אַ גוט מיטעל צום רעגולירען דעם מאָגען. זיי בעזייטיגען אָבסטרוקציעס און זענען א מילד נאַטירליך אבפיהר-מיטעל. בעזייטיגען די פוילונגס - סובסטאנצען. וועלכע פערגיפטען דעם אָרגאַניזם.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera

ווערען געברויכט ביי קראנקהייטען פון דער לעבער, נירען, גאלשטיינער און מערידען. ווערען גערן גענומען דורך די קראנקע.

Kino „LUNA"

בענייאונג פון שלאָגער-פילם פון פוילישער פראָדוקציע!

Córka Generała Pankratowa

אין די הויפט-ראָלען: סטעמפאָווסקי, נאָרא נעי, באָגדאַ.

צווייטער פילם:

MIRAŻE SZCZĘŚCIA

חוץ דעם קלאַנג-צוגאַבען. פרייזען פון 35 גראָשען אָן.

KINO „EDEN".

איביגער פרויען-פּראָבלעם: ליעבע צי לוקסוס? אין פילם פון אמת'ן לעבען

Żona w złotej klatce

געשיכטע פון א פרוי, וועלכע האָט צוליב קאַריערע ליבענדיג איין מאַן חתונה-געהאַט מיט אַן'אַנדערן.

אויסגעצייכענטע איבער-פּראָגראַמען.

קרעזעסלא 35 גר. און 45 פאָטעל 80 גר., צוזאמען מיט פאָדאטעק.

Szczepienie ospy ochronnej świeżą krowianką STARSZY FELCZER ST. MITTLER Częstochowa, Piłsudskiego 7 I-e piętro, tel. 18-04.

Redaktor i wydawca: B. Bojcin Druk. B. Bocian, Aleja 6